גליון
# באור החיים
פרשת יתרו - תשפ"ו לפ"ק | גליון תתס"ז

יחנא לאור ע"י
איחוד תלמידי וחסידי טאהש

הגליון בשבוע זו נתנדב על ידי
הרה"ח ר' אהרן מזרחי שליט"א
לע"נ אביו הרה"ח ר' אליהו בן ר' יצחק ע"ה ושם אמו מזל ע"ה
ולע"נ בנו הבחור החשוב יואל אליהו ע"ה בן ר' אהרן הי"ו - יארצייט ביום השבת קודש - כ' שבט
ובזכות זה יתברך הנדבן החשוב בכל מילי דמיטב, וימלא הקב"ה כל משאלות לבו לטובה אמן סלה

## באור פני מלך
פניני עבודה על פרשת השבוע

המדור הזה נתנדב ע"י הרה"ח ר' נתנאל מאיר הערשקאוויטש הי"ו (טאהש)
לרגל שמחת הכנסת נכדו לעוהתו"מ למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

### בני ישראל זכו לצאת ממצרים ע"י שהכניעו את יצרם

**בחודש השלישי לצאת בני ישראל מארץ מצרים.**

כתיב דייקא 'לצאת' בני ישראל מארץ מצרים, ולא 'להוציאת ה'' את ישראל מארץ מצרים, וזה בא לרמז כי ע"י עבודת בני ישראל שעבדו בעצמם יום אחר יום, זכו בחודש השלישי לצאת בעצמם מבחינת מצרים על ידי עבודתם, ואמר הכתוב, 'ביום הזה באו מדבר סיני', היינו שבאו למדרגת 'מדבר סיני' הרומז שזכו להכניע שני כוחות הרעים. 'מדבר' רומז שזכו לפרוש עצמם מכח התאוה של היצר, ולא יחפוץ כלום מתאוות העולם הזה, כמו מדבר שאין בו כלום והוא הפקר לכל, ו'סיני' רומז שזכו להכניע כח הגאוה, כמו שאמרו חז"ל שהניח הקב"ה כל הרים וגבעות ונתן את התורה על הר סיני, מפני שהוא הנמוך שבהרים, ובכח שתי בחינות אלו זכו בני ישראל לצאת מבחינת מצרים מצד עבודתם.

(דב"ק במדבר)

### צריך לטהר את עצמו ממדות רעות כדי להיות באחדות

**ויסעו מרפידים ויבואו מדבר סיני.**

פרש"י הק', להקיש נסיעתן מרפידים לביאתן למדבר סיני, מה ביאתן למדבר סיני בתשובה אף נסיעתן מרפידים בתשובה.

והוקשו המפרשים, היאך מצינו דביאתן למדבר סיני היתה בתשובה, דנוכל ללמוד מזה דגם בנסעו מרפידים היה בתשובה, הא לא מצינו זאת בכל התורה.

ותירצו בספרים הקדושים, דמצינו להלן בפסוק 'ויחן שם ישראל נגד ההר', ופירש"י הק' כאיש אחד בלב אחד, וזה לא יכול להיות אלא על ידי תשובה, שהיה צריכים קודם לטהר ממדותיהם הרעות, ואחר כך יכול להיות ויחן שם כאיש אחד בלב אחד.

(שפ"ק תשא)

### הדרך לקנות התורה הוא אלא כשפירש מן התאות

**ויסעו מרפידים ויבואו מדבר סיני.**

'מרפידים' פירוש מרפיון ידיהם ומהתרשלות עבודתם, ובפרשת בשלח כתיב, 'ויבא עמלק וילחם עם ישראל ברפידים', ודרשו חז"ל ברפידים שריפו את עצמן מדברי תורה, אמרו בלשונם שריפו עצמן מדברי תורה ולא שעברו על דברי תורה, כי אין הכוונה שעברו נגד רצונו יתברך ולעבור חלילה על איסורי תורה, אלא שהתרשלו מעבודתם ולא לחמו נגד תאות גופם לקדש עצמם בעניני היתה, ועל זה כתיב כאן

המשך בע' ו

פרנס פעולות האיחוד לחודש שבט
נתנדב על ידי הרבני הנגיד והחסיד המרומם רודף צדקה וחסד בונה ומקים עולמות של תורה וחסידות
הרה"ג רבי אלעזר ליבערמאן שליט"א אב"ד בעסערמין
לעילוי נשמת אביו
הגה"צ רבי יחיאל מיכל בן רבי יצחק אייזיק זצ"ל ליבערמאן אבדק"ק בעסערמין
יארצייט ביום כ"ו שבט הבעל"ט
תהא נשמתו צרורה בצרור החיים אמן
אשריך וטוב לך! הזכותים אדירים יעמדו לך ולזכותך!
מה טוב חלקך וחבלך בזה ובבא!
בכבוד רב
הנהלת איחוד תלמידי וחסידי טאהש
בשם כלל אנשי שלומינו

# שביבי אש

קורצע טרעפליכע טייטשן מתורתו של כ"ק מרן רבינו הקדוש זיעוכי"א

ששת ימים תעבוד, ווען מען דינט דעם אייבערשטן א גאנצע וואך, ועשית כל מלאכתיך, און מען טוט די גשמיות'דיגע מוכרח'דיגע צרכים, שבת לה' אלקיך, איז מען זוכה צו שפירן דעם אייבערשטן שב"ק. (שיח"ק ח"ג מ"ג)

# דער הייליגער רבי זאגט

ילקוט אמרים מכ"ק רביה"ק זי"ע מלוקט מספרי דבי רב - באידיש

המדור הזה נתנדב ע"י מוה"ר **אברהם יושע בינער** הי"ו (קרית יואל)
לרגל שמחת הולדת בנו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

## ווען א איד טוט תשובה דארף מען טראכטן פונעם עתיד און נישט פונעם עבר

בחודש השלישי לצאת בני ישראל מארץ מצרים ביום הזה באו מדבר סיני, ויסעו מרפידים ויבאו מדבר סיני, זענען די מפרשים מדייק אז לכאורה וואלט געדארפט שטיין, ביום הזה נסעו מרפידים ויבואו מדבר סיני, פארוואס שטייט קודם ביום הזה באו מדבר סיני, בעפאר עס שטייט ויסעו מרפידים, און נאכדעם שטייט נאכאמאל ויבואו מדבר סיני.

שפעטער אין די פרשה שטייט, אז דער אייבערשטער האט געזאגט פאר כלל ישראל, ועתה אם שמוע תשמעו בקולי' והייתם לי סגולה מכל העמים, איז לכאו' שווער וואס איז דאס לשון 'ועתה' אם שמוע תשמעו וכו', ס'וואלט געדארפט שטיין, 'ואם שמוע תשמעו בקולי', ווי רש"י הק' באווארנט שוין סוף פרשה פאריגע וואך ביי די פרשה פון עמלק שטייט, ויבא עמלק וילחם עם ישראל ברפידים, דרש'נען חז"ל בשביל שריפו ידיהם מדברי תורה, איז זייער שווער, דעמאלטס האבן זיי דאך נאך נישט געהאט מקבל געווען די תורה, וואס הייסט שריפו ידיהם מדברי תורה.

נאר דער ענין איז געווען אזוי, ס'איז ידוע פון אר"י הק' אז ווען אידישע קינדער זענען ארויס פון מצרים די ערשטע נאכט פסח, האט זיי דער אייבערשטער אין איין מינוט באלאכטן מיט גרויסע אורות און השגות, ברגלא חדא האט זיי דער אייבערשטער ארויסגענומען פון די מ"ט שערי טומאה, און אריינגעברענגט אין די מ"ט שערי קדושה, און זיי דערלאכטן מיט השגות וואס זענען געווען העכער זייער מדריגה, כאטש זיי זענען נישט ווערד געווען דערצו האט זיי דער רבוש"ע דאס געגעבן בדרך מתנה, אז דורך דעם זאלן זיי משיג זיין צו וואס זיי קענען צוקומען ווען זיי וועלן זיך אליין מזכך זיין, אבער וויבאלד זיי האבן נישט אליין געהארעוועט דערויף, האט דאס נישט געקענט האבן קיין קיום ביי זיי, און דער אייבערשטער האט דאס צוגענומען פון זיי, און זיי געגעבן זיבן וואכן, אז אין די טעג זאלן זיי זיך אליין מזכך זיין די זיבן מדות און זיך אויסרייניגן פון טומאת מצרים, אז ווען ס'וועט קומען ביים מעמד הר סיני ביום החמישים, זאלן זיי אליין משיג זיין די אלע אורות און השגות, דורך זייער אייגענע עבודה.

ווען אידישע קינדער זענען אנגעקומען קיין רפידים, וואס דארט איז שוין געווען זייער לעצטע נסיעה פאר מתן תורה, האבן זיי זיך מתבונן געווען ווי זיי האלטן מיט זייער עבודה, און זיי האבן געזעהן אז זיי האלטן נאך אלץ היבש ארומגענומען מיט די זוהמת מצרים, זענען זיי דורך דעם געווארן צובראכן ביי זיך, זיי האבן אנגעהויבן צו באקומען ספיקות צו זיי וועלן טאקע קענען אין די קורצע צייט זיך מזכך זיין, און דורך דעם זענען זיי אריינגעפאלן אין יאוש און נאכגעלאזט פון ארבעטן ווייטער, אז זיי האבן זיך מייאש געווען האט עמלק דורך דעם געקענט לוחם זיין מיט זיי, דער אייבערשטער האט אים געגעבן א כח ער זאל קענען צוקומען צו אידישע קינדער כדי זיי זאלן דורכדעם זיך אויפוועקן און זיך צוריק כאפן צום אייבערשטן, זעהט מען פון דעם אז דאס איז געווען דער סיבה פון ויבא עמלק, כדי אידישע קינדערלעך זאלן זיך צוריק אויפוועקן זיי זאלן ארויסגיין פון זייערע ספיקות און פון זייער יאוש, און זיך נעמען ווייטער הארעווען זיך צו צוגרייטן צו קבלת התורה.

און אזוי איז טאקע געווען, ווען עמלק איז געקומען האבן זיך די אידישע קינדערלעך געכאפט ווי ווייט זיי זענען געפאלן דורך זייער יאוש און זיי האבן אנגעהויבן תשובה צו טון און זיך צוריקכאפן צום אייבערשטן, און מיט דעם האבן זיי לוחם געווען מיט אים און מכניע געווען זיין כח.

נאכדעם וואס די אידן האבן שוין מכניע געווען דעם עמלק, האבן זיי געוואלט צוריק אנהייבן צו הארעווען, זיי האבן געוואלט ווייטער ממשיך זיין מיט זייער עבודה אויף תיקון המדות, אבער זיי זענען נאך געווען זייער צובראכן ביי זיך פון דעם וואס זיי האלטן נאך אזוי נידריג און זייער עבודה, האבן זיי זיך מחזק געווען מיט דעם אליין אז זיי האבן זיך מצייר געווען און פארגעשטעלט פאר זיך זייער עתיד, און זיי האבן מער נישט געטראכט פונעם עבר פון די טומאת מצרים וואס זיי האבן נאך אויף זיך, נאר זיי האבן אנגעהויבן קוקן אויף פאראויס, וואס ס'וועט זיין פון יעצט און ווייטער, זיי האבן אריינגעטראכט אז וויבאלד דער אייבערשטער האט געהייסן

# א ווארט צום שבת טיש

געקליבענע תורות און מעשיות נאכצוזאגן ביים שבת טיש

המדור הזה נתנדב ע"י מר"ה **נטע שלמה גוטמאן** הי"ו (וומסב"ג)
לרגל שמחת הולדת בנו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

## א תורה אויף די פרשה

### ויחד יתרו על כל הטובה.

לכאורה איז שווער, די פסוק מיינט דאך דא גאנץ כלל ישראל, איז אויב אזוי וואלט געדארפט שטיין אין פסוק אשר 'הצילם' מיד מצרים, א לשון רבים.

נאר מען קען זאגן אז עס גייט ארויף אויף יתרו זעלבסט, ווי חז"ל זאגן אז יתרו איז אנטלאפן פון פרעה'ס הויז ווייל ער האט נישט געוואלט זיין ביי די עצה פון כל הבן הילוד היאורה תשליכהו, דעריבער האט יתרו יעצט געלויבט דעם אייבערשטן אז ער האט אים געראטעוועט פון מצרים, ווייל אויב ער וואלט דארטן געבליבן, וואלט ער דאך אויך דערטראנקן געווארן צוזאמען מיט די מצריים.

(באר מים חיים)

### ויאמר יתרו ברוך ה'.

די גמרא זאגט (סנהדרין צ"ד ע"א) גנאי הוא למשה וששים רבוא שלא אמרו ברוך, עד שבא יתרו ואמר ברוך ה', איז זייער שווער, די אידן האבן דאך געזאט שירה ביי קריעת ים סוף, איז דאס נישט אזוי חשוב ווי דאס וואס יתרו האט געזאגט.

נאר דער תירוץ איז, אז די אידן האבן געדאנקט און געזאגט שירה פאר די טובות וואס מען האט זיי געטוהן, יתרו האט אבער מחדש געווען צו דאנקן דעם אייבערשטן פאר טובות וואס ער האט געטהון פאר א צווייטן, און ער זעלבסט איז נישט געווען פארמישט אין דעם טובה.

(הרה"ק רבי שלמה מראדאמסק זי"ע)

### עתה ידעתי כי גדול ה' מכל אלקים.

זאגט רש"י, מכירו אני לשעבר ועכשיו ביותר.

מ'קען דאס מפרש זיין אז עס איז ידוע, אז א מענטש וואס איז נישט מקושר צו א צדיק ווייסט אז ער דארף תשובה טוהן אויף די עבירות וואס ער האט געטוהן, אבער ער ווייסט נישט אז ער דארף תשובה טון אויף דעם וואס ער האט נישט גענוג געדינט דעם אייבערשטן.

די זעלבע איז דא געווען ביי יתרו, אנפאנג ווען ער האט נאכנישט געהאט קיין התקשרות צו משה רבינו, האט ער געוויסט ער דארף תשובה טוהן אויף די עבירות, 'מכירו הייתי לשעבר' אויף די עבירות וואס ער האט עובר געווען, אבער 'ועכשיו ביותר', יעצט נאכן ווערן מקושר צו משה רבינו, וויים איך אז איך דארף תשובה טוהן אויף דעם וואס איך האב נישט געדינט דעם באשעפער 'ביותר', מיט מער מדריגות און השגות.

(הרה"ק רבי יהוסף מקאסאני זי"ע).

### ויקח יתרו חתן משה עלה וזבחים לאלקים.

עס איז באקאנט די טעם פון קרבנות, ווייל דער אייבישטער וויל אז דער מענטש זאל האבן א צובראכן הארץ, אזוי ווי חז"ל דרשנ'ן אויפ'ן פסוק 'זבחי אלקים רוח נשברה', און אזוי איז טאקע געווען די סדר אין ביהמ"ק ווען א איד האט געברענגט א קרבן, האבן אים די כהנים און לויים מעורר געווען לתשובה שלימה איידער מען האט מקריב זיין קרבן.

יתרו איז דאך געזעצן ברומו של עולם און האט אלעס אנגעבינדן צוליב זיין אמונה אין אייבערשטען און ארויסגעגאנגען צו א וויסטע מדבר כדי זיך מתדבק צו זיין אין דעם עם הנבחר, מיט אזעלכע דערהויבענע מעשים האט ער שוין צובראכן זיין הארץ און זיך גאר שטארק משפיל געווען, ממילא ווערט עס גערעכנט כאילו יתרו האט זיך אליין מקריב געווען אלס קרבן.

דעריבער שטייט דא אין פסוק, ויקח יתרו עלה וזבחים, אז ער האט זיך אליין גענומען בשפלות ובשברון לב, וואס דאס איז די ריכטיגע עולה און זבחים פאר'ן אייבערשטען.

(חוט של חסד)

### עתה שמע בקולי איצעך ויהי אלקים עמך.

לכאורה דארף מען פארשטיין, אז פון די ווערטער פון יתרו זעהט אויס אז ביז היינט איז ער חלילה נישט געווען אלקים עמך.

נאר די כוונה קען זיין לויט די קשיא פון זוה"ק,

המשך בע' ד

מקבל זיין די תורה, איז זיכער אז אויב זיי וועלן זיך יעצט נעמען הארעווען וועלן זיי קענען צוקומען נאנט צום אייבערשטן, זיי וועלן ביי קבלת התורה צוקומען צו א הויעך פלאץ, און מיט דעם כח האבן זיי צוריק ממשיך געווען מיט זייער עבודה, זיך צוצוגרייטן צו קבלת התורה.

דאס איז פשט וואס חז"ל דרש'נען, ויבא עמלק וילחם עם ישראל 'ברפידים', בשביל שריפו עצמם מדברי תורה, זיי האבן זיך נאכגעלאזט פון צו מאכן א הכנה צו קבלת התורה, פארדעם איז געווען ויבא עמלק, כדי זיי זאלן זיך דורכדעם צוריק אויפוועקן.

דאס איז די פסוק מרמז מיטן כפל הלשון, ביום הזה באו מדבר סיני, אז ווען זיי זענען נאך געווען אין רפידים איז שוין געווען באו מדבר סיני, ווייל זיי האבן זיך שוין דעמאלטס מתבונן געווען אין מדבר סיני ביים מעמד הר סיני, מיט דעם כח איז געווען 'ויסעו מרפידים', האבן זיי אוועקגעצויגן פונעם רפיון ידים און דורכדעם 'ויבאו מדבר סיני', האבן זיי טאקע געקענט צוקומען צום מעמד הר סיני און מקבל זיין די תורה הקדושה ביים מעמד הנבחר.

דאס איז פשט אין דעם וואס דער אייבערשטער האט זיי געזאגט דאס לשון 'ועתה' אם שמוע תשמעו בקולי, ווייל חז"ל זאגן אין ועתה אלא לשון תשובה, פארוואס מיינט ועתה תשובה, ווייל אז מ'וויל תשובה טוהן דארף מען טראכטן פונעם עתיד פון יעצט און ווייטער, און נישט טראכטן אויף צוריק, האט דער אייבערשטער מרמז געווען פאר כלל ישראל, אז אויב עטץ ווילטס צוקומען צו קבלת התורה, דארף מען האבן די כח פון ועתה, אז מען זאל טראכטן פונעם עתיד פון יעצט און ווייטער, און דורכדעם וועט מען קענען צוקומען צו קבלת התורה.

(עבודת עבודה אמ"ק)

המשך מע' ג

ווי אזוי קען די שכינה רוען בשעת א משפט, די משנה זאגט דאך (אבות פ"א) אז די בעלי דינים דארפן זיין אין די אויגן פון די דיינים אזוי ווי רשעים, און די שכינה קען דאך נישט רוען מיט א רשע, נאר וויבאלד ווען די בעלי דינים גייען ארויס און די דיינים רעדן זיך דורך, זיי זענען נושא ונותן בדין, דאן רוהט דארט די שכינה.

דאס האט יתרו געזאגט פאר משה רבינו, 'מדוע אתה יושב לבדך', ווייל ווען משה רבינו איז געווען דן יחידי, האבן די בעלי דינים נישט געדארפט ארויסגיין, ווייל ער האט נישט געהאט מיט וועמען זיך דורכצורעדן, דעריבער קען די שכינה נישט רוען דארט, דערפאר האט יתרו געעצה'ט אז ער זאל אויפנעמען נאך דיינים מיט זיך, אזוי וועלן די בעלי דינים מוזן ארויסגיין, און אזוי וועט זיין 'ויהי אלוקך עמך'.

(עדות ביוסף)

**והייתם לי סגולה מכל העמים.**

א 'סגול' וויאזוי מען וועט דאס נאר דרייען, וועט עס בלייבן א סגול, אזוי זענען די אידן, וויאזוי מען דרייט זיי נאר, אין אלע צייטן, אין אלע גלות'ער, בלייבן זיי אידן.

(הרה"ק רבי דוד מלעלוב זי"ע)

# א מעשה אויף די פרשה

## כי יהיה להם דבר בא אלי

צום ווארשאווער רב זי"ע פלעגט אריינקומען א אינגערמאן, א גרויסער מפולפל, און האט כסדר פארדרייעט דעם קאפ מיט זיינע פלפול'דיגע קשיות, אויפ'ן דרך פון היכי תמצא'ס און שאלות.

פאר'ן רב האט די שאלות נישט געפעלן, און ער האט אויפגעהערט זיך אומצוקוקן אויף אים, און אים אפילו נישט מכבד געווען זיך אראפצוזעצן, ווען דער מפולפל האט געפרעגט דעם רב פארוואס ער באהאנדלט אים אזוי, האט אים דער רב אנגעוויזן פון די וואכעדיגע סדרה און געזאגט בדרך צחות אז משה רבינו האט זיך אויך אזוי געפירט.

ווען יתרו האט געפרעגט פון משה רבינו, 'מדוע אתה יושב לבדך וכל העם נצב עליך', האט משה רבינו געענטפערט, 'כי יהי' להם דבר בא אלי', איז לכאורה זייער שווער צו פארשטיין, מיט דעם ווערט נאכנישט פארענטפערט פארוואס משה רבינו זיצט און לאזט דעם עולם שטיין א גאנצן טאג, און אויך, פארוואס האט משה רבינו געזאגט 'כי יהי' להם דבר' מיט א לשון עתיד, אנשטאט 'כי יש' להם דבר', א לשון הוה.

נאר משה רבינו האט געענטפערט פאר יתרו אז איך בעט נישט מען זאל זיך אראפזעצן, ווייל זיי פרעגן אים נישט קיין פאקטישע שאלות פון טאג טעגליכן לעבן, נאר שאלות וואס מען זאל טון ווען עס וועט עפעס געשעהן, 'כי יהי' להם דבר', פאר אזעלכע שאלות וואס פארדרייען אומזיסט דעם קאפ, דארף מען נישט מכבד זיין צו זיצן, און מען קען לאזן שטיין. ודפח"ח.



המדור הזה נתנדב ע"י מוה"ר **נחמן שמואל זנוויל הערשקאוויטש** הי"ו (טאהש)
לרגל שמחת הכנסת בנו הב' אברהם יודא ני"ו לעהותו"מ למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

# ביאור הלכה

הלכות וביאורים מתוך ספרי בית נאמן בישראל
אשר עדיין לא ראו אור הדפוס
מאת הגאון הגדול דומ"ץ קריתינו הק' שליט"א

## זהירות ביים טרינקען (3)

### מאכן קידוש אויף אויפגעדעקט וויין

### טז

### שאלה: וויין וואס עס איז געווען אויפגעדעקט, מעג מען אויסמישן מיט אנדערע וויין, אז די אויפגעדעקט וויין זאל בטל ווערן, און מען זאל מעגן טרינקען די גאנצע וויין?

**תשובה:** עס איז א מחלוקת הפוסקים, צי א מאכל אדער א משקה וואס מען טאר נישט עסן צוליב א סכנה, צי עס ווערט בטל בשישים, אזוי ווי יעדע זאך וואס איז אסור צו עסן צוליב כשרות וואס ווערט בטל בששים, רוב פוסקים נעמען אן להלכה אז עס ווערט בטל בששים אזוי ווי יעדע דבר אסור (נקודת הכסף יו"ד סי' קט"ז), קומט אויס אז וויין וואס איז געווען אפען א גאנצע נאכט, קען בטל ווערן אין אנדערע וויין.

היינטיגע צייטן וואס עס איז נישטא קיין שלענג, און דער איסור פון נישט מאכן קידוש אויף אפענע וויין איז נישט וועגן סכנה, נאר ווייל עס איז נישט קיין כבוד קידוש צו מאכן אויף א וויין וואס איז געווען אפען "הקריבהו נא לפחתך הירצך", דעריבער קען דאס לויט אלע פוסקים ווערן בטל.

עס איז דא ווער עס שרייבט, אז מען מעג אפילו לכתחלה אויסמישן א מאכל וואס מען טאר נישט עסן צוליב א סכנה, כאטש די הלכה איז אז אין מבטלין איסור לכתחלה, מען טאר נישט לכתחלה אויסמישן א זאך וואס מען טאר נישט עסן אין א אנדערע מאכל כדי מען זאל דאס מעגן עסן, דאס איז ווייל סוף כל סוף איז דא אויסגעמישט א אסור'דיגע מאכל, אבער ביי א זאך וואס מען טאר נישט עסן צוליב א סכנה, איז דאס נישט שייך, ווייל נאכדעם וואס מען האט אויסגעמישט די סכנה'דיגע מאכל, ווערט עס באטראכט אזוי ווי מען האט עס אינגאנצן ארויס גענומען פון דארט, וויבאלד עס איז בטל געווארן, ממילא מעג מען דאס טון אפילו לכתחלה (פתחי תשובה).

לויט דעם קומט אויס אז אויב מען האט אפען געלאזט א פלאש וויין, אדער גרעיפ-דשזוס, מאסט, און עס איז א שאדן, איז דא א עצה אז מען זאל דאס אויסמישן אין אנדערע וויין, און מען קען מאכן קידוש אויף די וויין (שו"ת שבה"ל ח"ו סימן קי"א אות ב').

* עס ווערט דערציילט אז הרה"ג רבי ישראל יעקב פישער זצ"ל ראב"ד ירושלים תובב"א, האט אמאל געזאגט אז מען קען אויסמישן אויפגעדעקטע וויין אין אנדערע וויין, און מען קען קידוש מאכן דערויף, האט מען אים געפרעגט, וויבאלד די גאנצע טעם פון די איסור איז ווייל הקריבהו נא לפחתך הירצך, פאסט דען צו געבן פאר אונזער הער דער הייליגער באשעפער יין מגולה וואס איז אויסגעמישט מיט אנדערע וויין.

האט ער געענטפערט דער זעלבער הער וואס האט אונז געזאגט אז עס פאסט נישט צו מאכן קידוש אויף יין מגולה, דער זעלבער הער האט אונז געזאגט אז אזאך וואס ווערט אויסגעמישט ווערט בטל, און עס איז מער נישט אסור (הליכות אבן ישראל פרק י"ב הערה ב').

### יז

### שאלה: איז שייך דער איסור פון יין מגולה, אויך אויף קידוש פון בייטאג, און אויף הבדלה?

**תשובה:** רבי עקיבא איגר זצ"ל (הגהות רעק"א ס"ד) איז מסופק צי דער איסור פון גילוי איז שייך אויך ביי קידוש פון בייטאג, און ביי הבדלה, אבער דער משנה ברורה (ס"ק א' ובבה"ל ד"ה על יין) שרייבט אז עס איז בכלל נישט קיין ספק, נאר דער איסור איז אויך אויף קידוש פון בייטאג און הבדלה, (וכ"כ בארחות חיים הל' קידוש סימן ס"ד אות כ"ב).

אבער אין שו"ת דברי מלכיאל (ח"ד סימן א') שטייט אז דער איסור איז נאר ביי קידוש פון ביינאכט, אבער ביי קידוש פון בייטאג און הבדלה, גייט נישט אן דער איסור.

כדי יוצא זיין אלע דיעות זאל מען לכתחלה מקפיד זיין נישט צו מאכן קידוש בייטאג, און נישט מאכן הבדלה, אויף וויין וואס איז געווען אויפגעדעקט איבער נאכט, און בדיעבד אויב מען האט נישט אנדערע וויין קען מען מקיל זיין.

### יח

### שאלה: איז שייך דער איסור פון יין מגולה, אויך ווען מען וויל בענטשן ברכת המזון אויף א כוס וויין?

**תשובה:** דער ערוך השלחן שרייבט אז די איסור פון יין מגולה איז שייך ביי יעדע זאך וואס איז א מצוה צי נעמען א כוס וויין, ווי למשל ווען מען וויל בענטשן ברכת



המזון אויף א כוס, א.ד.ג. (סידור היעב"ץ הל' ברכת המזון דין הכוס ב-ב).

לויט דעם ערוך השלחן, טאר מען נישט נעמען יין מגולה, ביי א ברית, ביי א פדיון הבן, אדער סידור קדושין, און ביי שבע ברכות, אזוי אויף פסח ביינאכט ביי די ד' כוסות א.ד.ג. (ערוך השלחן סי' ער"ב ס"ה).

דער כף החיים שרייבט (סימן רע"ב ס"ק י"א) אז ביי שבע ברכות דארף מען מער אכטונג געבן נישט צו נעמען וויין וואס איז געווען אויפגעדעקט, ווייל דער שטן איז מקטרג בשעת א שמחה.

**באמערקונג**

כאטש לכתחלה דארף מען זיך פארמיידן פון צי נוצן יין מגולה, ביי סיי וואס פאר א זאך וואס איז א מצוה צו נעמען א כוס וויין, פונדעסטוועגן מעג מען מאכן דערויף א פאר ברכה און א נאך ברכה אפילו לכתחלה.

## יט

## שאלה: די וואס מאכן אליין וויין, דארפן אכטונג געבן צו צודעקן די פעסער וואס עס ליגט דערין די וויין?

**תשובה:** כל זמן די וויין קאכט נאך און עס איז נישט פארטיג געווארן, מעג מען עס לאזן אפען, אבער נאכדעם וואס די וויין איז שוין פארטיג, דארף מען אכטונג געבן אז די וויין זאל זיין צוגעדעקט א גאנצע צייט.

בדיעבד אויב מען האט געלאזט אפען פעסער וויין נאכן אויסקאכן א לענגערע צייט, און עס איז א גרויס שאדן, קען מען מקיל זיין בדיעבד (מרא דשמעתתא אות ק"ו).

און אויב מען קען דאס אויסמישן מיט אנדערע וויין, איז כדאי אזוי צו טון, אזוי ווי מיר האבן אויבן געשריבן אז די פוסקים האלטן אז מען מעג דאס אפילו לכתחלה אויסמישן מיט אנדערע וויין.

## כ

## שאלה: עס זענען דא וואס לאזן אויף פארפרוירענע מאסט דורכדעם וואס די פארפרוירענע מאסט ליגט אין א סחורה'נע זעקל, און דאס טראפט אראפ אין א שיסל, וויאזוי קען מען דאס טון, אז עס זאל נישט זיין א שאלה, פון יין מגולה?

**תשובה:** כל זמן די מאסט טראפט אראפ, טראפ נאך טראפ, איז בכלל נישט שייך די חשש פון גילוי, ממילא מעג די שיסל זיין אפען, אבער נאכדעם וואס עס טראפט מער נישט אראפ, דארף מען טאקע אכטונג געבן אז די מאסט זאל זיין צוגעדעקט א גאנצע צייט (טור יו"ד סימן קי"ז, והפרמ"ג משב"ז ריש סי' ער"ב מצדד להקל לקידוש עיי"ש ודו"ק).

## פארשידענע שאלות

## כא

## שאלה: איינער האט געעפענט א טייערע פלאש וויין פון זיין חבר, און ער האט פארגעסן צו צודעקן דעם דעקל, און עס איז געבליבן אפען א גאנצע נאכט, און ער קען דאס מער נישט נוצן פאר קידוש, דארף ער באצאלן פארן חבר א אנדערע פלאש וויין?

**תשובה:** להלכה דארף ער נישט באצאלן פארן חבר, וועגן די פאלגענדע סיבות:

1. ווייל דאס איז א היזק שאינו ניכר, מען דערקענט נישט אויף די וויין קיין שום שאדן.
2. די וויין איז ראוי צו טרינקען, מען קען נאר נישט מאכן קידוש דערויף.
3. מען קען אויסמישן אין דעם אנדערע וויין, און דעמאלטס קען מען אפילו קידוש מאכן דערויף.

## כב

## שאלה: איינער האט געזען א באטל וויין וואס איז געווען אפען א גאנצע נאכט, און ער האט דאס אויסגעגאסן, ווייל מען קען סייווי נישט קידוש מאכן דערויף, און דער בעל הבית פונעם וויין פארלאנגט פון דעם וואס האט דאס אויסגעגאסן, אז ער זאל אים באצאלן די וויין, דארף ער אים באצאלן?

**תשובה:** על פי הלכה דארף ער באצאלן צוליב די סיבות:

1. וויבאלד די וויין איז ראוי מען זאל דאס טרינקען נישט בשעת קידוש.
2. מען קען אפילו קידוש מאכן דערויף אויב מען מישט עס אויס מיט אנדערע וויין.
3. לויט טייל פוסקים קען מען אפילו קידוש מאכן אויף די וויין, אויב די טעם און די גרויך פון די וויין איז גוט, און היינטיגע ווינען קען זיך האלטן די טעם אפילו עס איז אפען א לאנגע צייט, ווייל מען לייגט אריין אין די וויין זאכן אז די וויין זאל זיך האלטן פריש.

קומט אויס אז ער האט אים שאדן געמאכט וויין וואס ער האט געקענט טרינקען.

המשך מע' א

'ויסעו מרפידים ויבואו מדבר סיני', היינו שנסעו מרפיון ידיהם ומהתרשלות בעבודתם, והתגברו את עצמם ללחום נגד כח התאוה של היצר, לקדש עצמם במותר להם, ועל ידי זה 'באו מדבר סיני' וזכו לקבל התורה, כי כדי שיוכלו לקבל על עצמם עול התורה והמצות הוצרכו להקדים ללחום עם היצר בעניני היתר, כי בלעדי זאת הרי יסיתם היצר ויכשילם מן ההיתר אל האיסור, ולא יהא ביכולתם לקיים מצות התורה.

וזה יש לרמז במה שאמרו חז"ל דרך ארץ קדמה לתורה, פירוש כי ההנהגה בעניני דרך ארץ, היינו בענינים גשמיים היא הקדמה והכנה לקיום התורה, כי אם האדם אינו עוסק בעניני דרך ארץ בקדושה וטהרה, אי אפשר לו לקיים את התורה, כי היצר יסיתנו מן ההיתר אל האיסור ח"ו.

(עבו"ע דב"ק כי תצא)

המשך מאמר בענין:

# פתיחת בקבוקים בשבת

לאור דברים אלו טוען הרב פישר זצ"ל, כי מדובר בדבר שאינו מתכוון, שהרי אין כוונתו על תוצאה זו המוגדרת כמכה בפטיש, ועל אף דהוי פסיק רישיה, ובפסיק רישיה לא מהני דבר שאינו מתכוון, כי סוף כל סוף התוצאה היא בלתי נמנעת, אך בזה סומך הרב פישר זצ"ל את ידיו על דברי המגיד משנה (פי"ב משבת ה"ב) גבי קטימת קיסמין שכל שאינו קוטמו בשביל לחצוץ בו את שיניו מותר, על אף שבקטימת הקיסם נגמר הקיסם להיות ראוי לחצוץ בו שיניו ויש כאן תיקון מלאכה האסור מדין מכה בפטיש, מכל מקום מחדש המגיד משנה, שבמלאכת מכה בפטיש שעניינה תיקון המלאכה וגמר עשייתה, הרי זה תלוי בכוונת המלאכה, וכל שלא נתכוון לגמר מלאכה זו, אין בה משום מכה בפטיש, אף בדבר שהוא פסיק רישיה.

מכאן יתד ומכאן פינה, להתיר פתיחת בקבוקים בשבת, כי התוצאה שנעשית בפקק שמוכשרת לתשמישה העיקרי, אינה בכוונת פותח הבקבוק, אלא כוונה צדדית, והוי כאינו מתכוון ואין איסור במלאכת מכה בפטיש בדבר שאינו מתכוון.

### דעת החולקים שאינו מוגדר כדבר שאינו מתכוון

טענת האוסרים לנוכח דברי הרב פישר זצ"ל היא, כי קשה מאד להגדיר פעולה זו של פתיחת הבקבוק כדבר שאינו מתכוון ביחס לשימוש החוזר בפקק, שהרי כל הרוצה להשתמש בפקק בכדי לסגור ולפתוח בו את הבקבוק פעמים נוספות, עליו להזדקק לידי פעולה זו, ועל כן בוודאי שמחשבתו כוללת רצון זה, ועל כן רחוק הדבר להגדירו כדבר שאינו מתכוון, טענה זו הזכיר הגרש"ז אויערבאך זצ"ל בתשובתו (מנחת שלמה ח"ב סי' לב).

אם כי יש להעיר, כי לכאורה הפותח בקבוק קטן שמתוך מעשיו ניכר כי אינו צריך בשימוש חוזר של הפקק לסוגרו בשנית, יש לדון שלא יעבור באיסור מכה בפטיש, כי אין כלל מציאות של שימוש חוזר בבקבוק מעין זה, וצ"ע.

## מעדני התורה

לברר וללבן נושאים וענינים שונים כדרכה של תורה
מתוך השיעורים שנאמרו ע"י הרה"ג ר' **אהרן קאהן** שליט"א

### השגת החולקים כי יש לחלק בין מכה בפטיש בדבר שאין כל משמעות לפעולה בלא כוונה לדבר שהפעולה נעשית אף בלא כוונתו

טענה נוספת אותה העלה הגרש"ז אויערבאך זצ"ל, כי אף אם נאמר שפתיחת הפקק כלפי השימוש הקבוע בו לאחר מכן לפותחו ולסוגרו שוב ושוב, אין זה אלא דבר שאינו מתכוון, מכל מקום יש לחלק בין דברי המגיד משנה לנידון זה, כי דברי המגיד משנה אמורים לגבי קיסם, שבזה הקיסם מצד עצמו אין לו כל חשיבות, והתלישה אין בה כל דבר, ורק על ידי שמחשיב את הקיסם לחצוץ בו את שיניו, בזה נעשית חשיבות לתלישה זו, ולכן כשאינו מחשיב את הקיסם אין בזה כל איסור, אף שהוא פסיק רישיה, כי הוא תלוי בהחשבת הפעולה, וכל שאינו מחשיב את התלישה אין בה איסור, מה שאין כן לענין הפקק שהוא דבר שאינו תלוי בכוונה, אלא במציאות נעשית כאן הכשרת הפקק לשימושו העיקרי, שוב אין לתלות את הדבר בכוונתו על הפעולה, ובזה הואיל והוא פסיק רישיה על כן אף בדבר שאינו מתכוון הוי בכלל מכה בפטיש, והוא איסור דאורייתא.

### הסברא להתיר משום כלי גרוע

סברא נוספת להתיר העלה הרב פאדווא זצ"ל בתשובתו (חשב האפוד ח"ג סי' צג) להאדמו"ר הנחל יצחק מזוטשקא זי"ע, שאף הוציא חיבור מיוחד על הנידון, כמו שיוזכר להלן, בה יצא הרב פאדווא זצ"ל לדון, כי מאחר והדרך היא לזרוק אחר כך את הפקק עם תום שימושו, אם כן אף אם יש לו תורת כלי, מכל מקום נחשב ככלי גרוע [וכן הזכיר הרב פישר זצ"ל באבן ישראל (פי"ד משחיטה ה"ו)]. היתר זה כתבו פוסקים נוספים, גאב"ד שטראסבורג זצ"ל בתשובתו (קנין תורה ח"ד סי' לד), גאב"ד דעברעצין זצ"ל בתשובתו (באר משה ח"ג סי' צ) והרב וולדנברג זצ"ל בתשובתו (צי"א חי"ד סי' מה), וסמכו ידיהם על היתר זה.

### הוכחת הגרש"ז אויערבאך זצ"ל לאסור מכה בפטיש אף על שימוש גרוע

אמנם הגרש"ז אויערבאך זצ"ל (מנחת שלמה ח"ב סי' לב) הוכיח, מעצם דין קיסם לחצוץ בו שיניו, שהוא ג"כ רק לשימוש לפעם אחת ואין משתמשים בו שנית, ועכ"ז נחשב מכה בפטיש ואין אומרים בזה שהוא כלי גרוע, כל שכן הפקק שהוא אינו גרוע כ"כ כקיסם אלא משתמשים בו פעמים נוספות, שיש בו משום איסור מכה בפטיש.

### סברא להתיר משום כלאחר יד

היתר נוסף הזכיר הרב פישר זצ"ל (אבן ישראל פי"ד משחיטה ה"ו), והוא שאין פעולה זו נעשית באופן של עשיית כלי, שהפותח את הבקבוק אינו רוצה בפעולה זו עתה, אלא בהכרח פעולה זו נעשית גם כן, ועל כן יש לדון כעושה כלאחר יד, וקיל טפי.

### דחיית הגרש"ז אויערבאך זצ"ל דדבר שדרכו בכך אינו נקרא כלאחר יד

אמנם הגרש"ז אויערבאך זצ"ל (מנחת שלמה ח"ב סי' לב) טען לעומתו, כי אי אפשר להחשיב פעולה זו כנעשית כלאחר יד, שכן מאחר וכך היא דרך פתיחת הבקבוק ויצירת שימושו העיקרי של הפקק, אין לדונה כעושה כלאחר יד, וחשיב דרכו בכך.

### ביאור החילוק בין פקקי פלסטיק לפקקי ברזל רק בנוגע לפקקי פלסטיק הישנים שלא היתה הטבעת חלק אחד עם הפקק

עתה נבוא לבאר את דעתו של הגרש"ז אויערבאך זצ"ל, אשר כפי שהבאנו למעלה דעתו לחלק בין פקקי ברזל לפקקי פלסטיק, בעוד שלפום ריהטא אין נראה כל ביאור נחרץ לחילוק זה, מה טעם יש בו.

המשך בשבוע הבא אי"ה

## הרה"ק רבי שבתי האפשטיין זי"ע

**דעם קומענדיגן דאנערשטאג משפטים - כ"ה שבט הבעל"ט געפאלט אויס די יומא דהילולא קדישא פון הרה"ק רבי שבתי האפשטיין זצ"ל אביו הגדול פונעם הייליגן מגיד פון קאזניץ זי"ע.**

### ואלה מתולדותיו

רבי שבתי איז געבוירן געווארן צו זיין פאטער ר' וואלף זצ"ל.

דורכאויס זיין גאנץ לעבן איז רבי שבתי אנגעגאנגען בקדושה ופרישות באהאלטענערהייט, נישט ציענדיג קיין אויפמערקזאמקייט, געזיצן אין זיין ווינקל און שטענדיג געדינט השי"ת.

רבי שבתי האט זיך געשפייזט און געצויגן זיין ביסל פרנסה קוואל דורך בינדן ספרים.

אויף די עלטערע יארן לעת זקנתו, איז צו אים

# באור הילולא

תולדות וסיפורים מצדיקים שיודה"ל חל בשבוע הבעל"ט

געבוירן געווארן א הייליג זוהן, דורכן ברכה פונעם הייליגן בעשטה"ק זי"ע, וועלכער האט דערנאך פארשיינט די וועלט באור תורתו עד עולם.

רבי שבתי איז נפטר געווארן כ"ה שבט תקכ"א לפ"ק, און איז געקומען לקבורה אינעם שטאט אפטא, ווי בנו המגיד מקוזניץ פלעגט זיך אפט קומען משתטח זיין על קבר אביו.

אויף די קורצע נוסח המצבה שטייט ווי פאלגענד: "פ"נ איש תם וישר הישיש הר' שבתי בהר"ר זאב וואלף נפטר ביום ו', כ"ה שבט תקכ"א לפ"ק ת.נ.צ.ב.ה.".

### די פמליא של מעלה טאנצען מיט רבי שבתי און איז זוכה צו א קינד

ווי ערוועהנט האט רבי שבתי געצויגן זיין ארעמע פרנסה פון בינדן ספרים, צופיל געלט האט רבי שבתי נישט פארמאגט, אבער א פעסטע החלטה האט רבי שבתי און זיין רעבעצין געהאט נישט צו בעטן קיין געלט פון א מתנת בשר ודם, נאר זיך שטענדיג פארלאזט אויפן כל יכול, אויפן הייליגן באשעפער הזן ומפרנס לכל.

איין פרייטאג נאכמיטאג איז רבי שבתי'ס הויז געווען ליידיג פון יעדע פרוטה געלט, ער האט נישט געהאט מיט וואס איינצוקויפן דאס מינאמאלסטע עסנווארג לכבוד שבת קודש, קומענדיג נענטער צום זמן שבת איז רבי שבתי געגאנגען אין ביהמ"ד, אבער ער האט אנגעזאגט פאר זיין רעבעצין אז קיין שום הילף זאל זי נישט בעטן פון קיינעם, נאר דער באשעפער וועט שוין העלפן.

נאכן דאווענען האט רבי שבתי געוואנדן זיינע

# לוח היארצייטן



יארצייטן פון רבותינו הק' ואנשי שלומינו וואס געפאלט אין די קומענדיגע וואך

### זכר צדיקים לברכה

| | | |
|---|---|---|
| כ"א שבט | הרה"ק רבי יצחק בן רבי מרדכי זי"ע - מ'נעשכיז | תרכ"ח |
| כ"ג שבט | הרה"ק רבי יהושע בן רבי שלום זי"ע - מ'בעלז | תרנ"ד |

### זכר חסידים לברכה

| | | | |
|---|---|---|---|
| כ' שבט | הבחור החשוב יואל אליהו ע"ה בן ר' אהרן הי"ו מזרחי<br>לא הניח אחריו זש"ק | תש"ס | ביה"ח דקריתינו הקדושה |
| כ' שבט | האשה החשובה מרת מלכה בת ר' אברהם ע"ה | תרפ"ה | ביה"ח בטאהש אונגארן |
| כ"ג שבט | הרה"ג רבי יעקב חיים בן רבי נפתלי הירצקא ז"ל אמסעל<br>מח"ס נחלת יעקב-ר"מ בישיבתינו הק' רבות בשנים-ומרבני בית מדרשינו וומסב"ג | תשנ"ח | ביה"ח בקרית יואל |
| כ"ד שבט | הרבנית הצדיקת שיינדל יוטא בת ר' דוד מנשה ע"ה ראטטענשטיין<br>נכדת רבינו השרף זי"ע | תר"פ | ביה"ח בטולדעש - רומעניא |
| כ"ה שבט | האשה החשובה מרת עטיל בת ר' יהודה לייבוש ע"ה מערמעלשטיין<br>אשת הרה"ח ר' חיים נחום ע"ה | תשנ"ט | ביה"ח ניו דזערסי (קאסאן) |
| כ"ו שבט | הגה"צ רבי יחיאל מיכל בן הגה"צ רבי יצחק אייזיק זצ"ל ליעבערמאן<br>מ'בעסערמין | תשס"ד | ביה"ח בקרית יואל |

טריט צו זיין הויז, און פון דערווייטענס האט זיך שוין אנגעזעהן די הערליך רייך געדעקטע טיש לכבוד שבת קודש, מיט ווייסע שיינע ליכט אזוי ווי עס פאסט לכבוד שבת המלכה, רבי שבתי האט זיך גאר שטארק געוואונדערט, וויסענדיג אז ער האט אנגעזאגט פאר זיין רעבעצין זאל גארנישט בעטן קיין הילף פון קיינעם.

אנקומענדיג אהיים האט רבי שבתי קידוש געמאכט בהתלהבות און מיט א געוואלדיגע שמחה, דאנקענדיג דעם אין עוד מלבדו פארן אים צושטעלן מכל טוב וטוב, אינמיטן פון די דערהויבענע סעודה האט די רעבעצין אנגעהויבן דערציילן פון ווי זי האט געשאפן די אלע מאכלים מכל טוב וטוב, זאגענדיג, אז ווען זי האט געזעהן אז עס דערנענטערט זיך די זמן שבת, און אלעס איז ליידיג און עס איז גארנישט דא מיט וואס צו מכבד זיין דעם הייליגן שבת, האט זי כאטש געטראכט אז זי וועט אויפריייניגן די ערד און שאפעס, אז לכה"פ ריין זאל זיין לכבוד ש"ק, פלוצלינג אינמיטן די ריינונג ארבעט, האט זי געטראפן א אלטע פערל שטיין, וואס איז ווערד געווען אסאך געלט, תיכף ומיד איז זי געגאנגען צושטעלן מכל מיני מטעמים וברבורים ושליו ודגים לכבוד שבת קודש.

ווען רבי שבתי האט דאס געענדיגט הערן איז ער געווארן מלא שמחה צו השי"ת פאר די חסד וואס ער האט געטוען צו אים, און זיך גענומען טאנצן, און דערנאך ווייטער אפגעפראוועט דעם יום שכולו טוב כמידי שבת בשבתו אויף א דערהויבענע אופן.

אין דער זעלבער צייט ווען רבי שבתי האט אפגעראכטן זיין שמחה'דיגע שבת טיש, איז דער הייליגער בעשטה"ק געזיצן מיט זיינע תלמידים פראוועדיג כמנהג חסידים בליל שב"ק, דעם דערהויבענעם פרייטאג צו נאכטס טיש, און צו די שטוינונג פון די תלמידים, האט זיך די בעשטה"ק עטליכע מאל צושמייכעלט.

מוצאי שבת תיכף ביים זמן האט דער בעשטה"ק געהייסן איינשפאנען די פערד און וואגן, פארענדיג צו ר' שבתי, ווען מען איז אנגעקומען צו די הויז פון רבי שבתי האט דער בעשטה"ק געבעטן רבי שבתי זאל דערציילן וויאזוי די שבת איז אדורך ביי איהם, הגם פון אנהויב האט ער נישט געוואלט, אבער למעשה האט ער פארציילט דברים כהוויתן, דאן האט דער בעשטה"ק גענטפערט "ווען רבי שבתי האט געטאנצן די ריקודין אינמיטן זיין סעודה האבן די פמליא של מעלה מיטגעטאנצן מיט איהם", גלייך האבן די תלמידים שוין תופס געווען פארוואס דער בעשטה"ק האט געשמייכלט ביים סעודה דעם שבת.

דאן האט דער בעשטה"ק געזאגט פאר רבי שבתי אז ער קען אים בעטן וועלכע בקשה ער דארף, און מן שמים וועט מען דאס אים געבן, גלייך האט רבי שבתי געבעטן פונעם בעשטה"ק אז ער וויל געהאלפן ווערן מיט זרע של קיימא, נישט האבענדיג פון פריער זוכה געווען צו קינדער, האט אים דער בעשטה"ק אנגעוואונטשן אז ער וועט האבן א הייליג געבענטשטע קינד, און זאלסט אים געבן א נאמען "ישראל", שפעטער איז דאס קינד טאקע אויסגעוואקסן הרה"ק בעל עבודת ישראל מקוזניץ זי"ע וואס איז געווען ברייט באוויסט בקרב הארץ פאר איינע פון די צדיקי הדורות, פון די גרויסע חסידישע ריזן בתורה עבודה וגמילות חסדים, וואס לגדולתן אין חקר.

## די שמחה ביי די הקפות

איין יאר שמחת תורה בעת דער הייליגער עבודת ישראל פון קאזניץ זי"ע האט אפגעראכטן די מעמד הקפות, איז דער קאזניצער מגיד געווען גאר שטארק אויפגעלייגט און פרייליך מער ווי אלע יארן, נאך די דערהויבענע הקפות זענען די חסידים געגאנגען צום רבי'ן פרעגן ערקלערונג ולשמחה מה זו עושה, אויף די אויסטערלישע שמחה וואס דער קאזניצער מגיד האט פארמאגט בשעת די הקפות, האט דער מגיד מקוזניץ געענטפערט, אז ווען זיין טאטע רבי שבתי האט זיך געגרייט אראפצוקומען צו מיטהאלטן מיינע הקפות, האט אים יוחאי, אביו של התנא רשב"י, געפרעגט צו ער קען אים מיטנעמען זיך מיטפרייען בשמחת התרוה מיטצוהאלטן די הקפות, האט אים רבי שבתי צוריקגעענטפערט, אז נאר אויב יוחאי וועט אים נעמען ביום ל"ג בעומר מיטצוהאלטן די שמחה פון זיין זוהן רבי שמעון, און זיי ביידע האבן מסכים געווען, און אצינד אז די יאר זענען די הייליגע 2 נשמות קדושים דא געווען אוודאי האב איך מיר געפרייעט מיט א גרעסערע שמחה ווי אלע יארן ...

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן.**






# כבוד שבת

## זכור את יום השבת לקדשו

דער הייליגער שמועה טובה פון קאסאן זי"ע שרייבט אין זיין ספר, אז "זכור את יום השבת לקדשו" איז ר"ת ז"ה א-ל"י, וואס מיינט אז מען דארף מכבד זיין דעם שבת אזוי ווי די פסוק זה קלי ואנוהו, און ווי רש"י הק' זאגט אויפ'ן פסוק 'זכור את יום השבת לקדשו, שאם נזדמן לך חפץ יפה תהא מזמינו לשבת', וואס דאס איז די מדה פון שמאי הזקן אזוי ווי עס שטייט אין חז"ל (ביצה טז) אמרו עליו על שמאי הזקן כל ימיו היה אוכל לכבוד שבת, כיצד מצא בהמה נאה אומר תהא זו לכבוד שבת, למחר מצא אחרת נאה הימנה מניח השניה ואוכל את הראשונה.

עס שטייט אין סידור האר"י ז"ל, אז אלע סעודות וואס א מענטש עסט זאל זיין לשם שמים, וואס הייסט, אזוי ווי שמאי הזקן וואס ער האט א יעדן טאג געגעסן לכבוד שבת, און ווען א מענטש עסט אויף אזא אופן קומט אויס אז אלע זיינע סעודות זענען א סעודת מצוה, וויבאלד אויך ווען ער גייט נישט טרעפן עפעס בעסער גייט ער היינט נישט עסן וויל ער וויל דאס אוועקלייגן פאר שבת, און אויך אים איז געזאגט געווארן זה השלחן אשר לפני ה', וואס דאס איז אויך ר"ת ז"ה א-ל"י.

*

דער הייליגער כתב סופר זי"ע פרעגט, וואס איז פשט פון די מאמר חז"ל (שבת קיח) 'כל המענג את השבת נותנין לו נחלה בלי מצרים', וואס איז פשט פון אזא גרויסע שכר פאר'ן עסן און טרינקען לכבוד שבת.

נאר וואס דען, די גמרא מיינט צו זאגן אז ווען איינער גייט אין די וועגן פון שמאי הזקן, און ער קויפט

# מאור התורה

ציצים ופרחים על עניני הפרשה

יעדן טאג פרישע פעטע בהמות מיט כל מיני מטעמים לכבוד שבת, גייט די אייבערשטער אים די קומענדיגע טאג צושיקן עפעס א בעסערע מאכל לכבוד שבת, און אזוי גייט ער קענען עסן די נעכטיגע אינמיטן וואך, און אזוי גייט עס זיין א גאנצע וואך, און אזוי קומט אויס אז ער האט א נחלה בלי מצרים.

און דאס קען זיין פשט אין פסוק 'ששת ימים תעבוד ועשית כל מלאכתיך ויום השביעי שבת לה' אלוקיך', אז די זעקס טעג פון די וואך איז די גאנצע ארבעט נאר פאר ויום השביעי שבת לה' אלוקיך".

און דאס טייטשט ער אויך אריין אין די גמרא 'עשה שבתך חול ואל תצטרך לבריות', אז ווען דו גייסט מאכן שבת א גאנצע וואך, דאס הייסט אז א גאנצע וואך גייסטו זיין פארנומען מיט שבת, לכבוד דעם גייסטו האבן א נחלה בלי מצרים און דו גייסט נישט דארפן צוקומען צו קיינעם.

*

דער הייליגער תפארת שלמה טייטשט אריין אין די פסוק ששת ימים תעבוד, אז די קדושת שבת שפירט מען לויט די ארבעט פון א גאנצע וואך, דאס טייטשט 'ששת ימים תעבוד ועשית כל מלאכתך', און לויט די ארבעט גייט זיין 'ויום השביעי שבת לה' אלוקיך'.

און דאס טייטשט ער אויך אריין אין דאס וואס מען זאגט ביים דאווענען 'לקל אשר שבת מכל המעשים', אז פון די מעשים קומט די שבת, און דאס טייטשט אויך 'וברכתו מכל הימים' אז דער אייבערשטער האט געבענטשט שבת קודש פון די עבודה פון די גאנצע וואך.

די זעלבע איז פארקערט אז די גאנצע וואך האט נאר א חשיבות אויב די שבת איז געווען ווי עס דארף צו זיין, אזוי ווי כ"ק רבינו שליט"א האט געטייטשט אין פסוק 'הבל הבלים אמר קוהלת הבל הבלים הכל הבל', אז דאס גייט ארויף אויף די טעג פון די וואך, הבל איז איין טאג, און הבלים איז נאך צוויי, און עס שטייט נאכאמאל הבל הבלים איז זעקס, און הכל הבל איז זיבן, דאס מיינט צו זאגן, אז די גאנצע וואך איז הבל הבלים אויב ווען עס קומט שבת קודש איז 'הכל הבל', אז די הכל יודוך ביים דאווענען איז הבל - נישט ווי עס דארף צו זיין און אן קיין ברען, אבער אויב מען נוצט אויס די שבת ווי עס דארף צו זיין, און מען לייגט אראפ א פייערדיגע דאווענען, דעמאלטס האט זיך געלוינט צו האבן די גאנצע וואך.



# אהלי מלכים

פסקי הלכות וואס זענען נוגע ווען מ'האט קינדער אינדערהיים
מתוך הספר שעדיין לא ראה אור הדפוס
ע"י הרה"ג ר' יחיאל מיכל ישעי' מאסקאוויטש שליט"א חדב"ן מו"ץ

## המשך הלכות תפילין

אויב איז מען אריין אין ביה"כ נאך פאר קטנים, דארף מען נישט איבער מאכן א ברכה בשעת'ן צוריקלייגן די תפילין [1].

ווען מ'טוט צוריק אן די תפילין, מעג מען ענטפערן דברים שבקדושה צווישן דעם של יד און של ראש, און דערנאך רוקט מען דעם של יד פון פלאץ, און מ'טוט עס צוריק באפעסטיגן און מ'לייגט דעם של ראש [2].

אויב די כוונה פון אויסטון די תפילין איז געווען גלייך צוריק אנצוטון, און מ'איז נישט אריין אין ביהכ"ס, דארף מען נישט איבערמאכן א ברכה [3].

אבער אויב בשעת'ן אויסטון האט מען נישט געהאט אין פלאן צוריק אנצוטון, דעמאלטס אפילו אויב מ'וועט עס למעשה גלייך צוריק אנטון, דארף מען איבערמאכן א ברכה [4].

אויב מ'טוט צוריק אן די תפילין, זאל מען עס טון שטייענדיג [5].

## נאכן דאווענען/ברית

ס'איז א ענין צו לערנען מיט תפילין [6].

אויב איז דא א ברית אין ביהמ"ד, זענען דא וואס פירן זיך צו אויסטון די תפילין נאכן ברית [7], און אנדערע פירן זיך צו אויסטון פארן ברית [8] (זע הערה מנהגי רבותה"ק זי"ע).

ס'דא וואס טוען אן די תפילין דר"ת פארן ברית [9].

דער מוהל, איז די מנהג אז ער טוט אויס די תפילין פאר ברית, כדי צו קענען בעסער מאכן די ברית [10].

## סדר חליצת התפילין

מ'פירט זיך צו אויסטון די תפילין של יד און של ראש און מ'נעמט אראפ די רצועות שטייענדיג [11].

די סדר פון אויסטון די תפילין איז פארקערט ווי אנטון. מ'טוט קודם אויס דעם של ראש, און דערנאך די של יד. אזוי ווי ס'שטייט 'והיו לטוטפות בין עיניך', דאס הייסט אז ביז ווילאנג די תפילין זענען 'בין עיניך', זאל זיין אויפן מענטש צוויי תפילין [12].

ווען מ'טוט אויס די תפילין, נעמט מען קודם אראפ די רצועות פון די פינגער און האנט פלאך [13].

(ס'דא וואס נעמען אראפ נאך צוויי דריי כריכות פון די זרוע [14]). ס'דא וואס דרייען ארום די לאנגע רצועות פאר די פרק היד, אדער ארום די האנט פלאך, אז ס'זאל זיך נישט שלעפן אויף דער ערד וכדו', און די קשר ביים של יד זאל נישט ווערן נאכגעלאזט.

דערנאך נעמט מען ארויס די רצועות של ראש פונעם גארטל.

מ'טוט אויס די של ראש מיט די לינקע הענט [15], מ'געבט א קוש פארן קציצה (תפילין) [16]. ס'דא וואס קושן אויך די קשר דל"ת (ס'דא וואס קושן פארן אריינלייגן אין די האלטער, און ס'דא וואס קושן שפעטער פארן אריינלייגן אין די בייטל).

---

1 שו"ת שבט הלוי (ח"ט סי' ג) 'ונכנס להשתין מנהג העולם שאין מברכים, בפרט בתי כסאות שלנו'. ובפרט אם השתין בביהכ"ס שאינו קבוע וגם לא הפיח, עי' בקצות השלחן (סי' ח סי"ח).

2 שועה"ר (סי' כה סכ"ב), וכן המ"ב (סי' כה סקל"ו) 'ובחוה"מ או המניח תפילין דר"ת וכיוצא, שמניח בלי ברכה, יש להקל ולהפסיק לעניית אמן יהא שמיה רבא, וקדושה, וברכו, ואמן, אך אח"כ יזיז השל יד ממקומו קודם שיניח השל ראש כדי שיהי' הויה אחת לשניהן'.
אשל אברהם (סי' כה ס"י) אבל 'ברוך הוא וברוך שמו אין לענות וכו' ואפשר לסמוך את עצמו על הרהור גבי ברוך הוא וברוך שמו'. וכ"כ בקצוה"ש (סי' ח סקע"ד) ומוסיף ד'נראה מזה שיש לדמות דין ההפסק לדין הפסק באמצע פסוד"ז, שמה שאסור בפסוקד"ז לא יפסיק גם בזה', ולפ"ז מודים דרבנן ג"כ לא יענה.
ועי' אליה רבה (סקי"ד מובא בהגרע"א) שאוסר בחוה"מ במניח תפילין דרש"י, וכתב 'דאף המניח בחוה"מ בלא ברכה אסור לענות איש"ר מטעם דעבירה בידו', ובשלחן הטהור (סי' כה ס"ז) סובר ד'אסור לענות קדיש וקדושה ואמן בין תש"י לש"ר אף בשל ר"ת'.

3 מ"ב (סי' כה סקמ"ז).

4 מ"ב (סי' כה סקמ"ז).

5 ושאני מטלית די"א שאינו צריך לעמוד, דהתם הלבישה אינה חיוב, ורק בשעת העטיפה הריהו מברך מהטעם שנתבאר שם, משא"כ בתפלין ההנחה היא עיקר המצוה, ודומה לספירת העומר, דבעינן ביה עמידה מפני הדרשה של מהחל תרמש בקמה אל תקרי בקמה אלא בקומה.

6 אור צדיקים (תיקון התפלה סעיף עו) 'אין לחלוץ התפילין עד שילמד בהן תחילה אחד המרבה ואחד הממעיט כי לא יזכה לנפש רוח ונשמה אלא אם כן ילמוד בתפילין, כמו שכתוב בראשית חכמה (שער הקדושה פ"ו אות נח), ולכן ראוי ונכון לכל אשר בשם ישראל יכונה, עשות שיעור קבוע לבלתי יעבור ח"ו אפילו יום אחד מלימוד בתפילין, כי זה דבר קל מאד לקיים'. ומובא ענין זה בכף החיים (סי' כה סקפ"ט) בשם כמה ספה"ק, בן איש חי (חיי שרה סי"א), ליקוטי מהרי"ח, סידור הגר"א (במוסרי עשרת ימי תשובה) 'כל הלומד בתפילין בכל יום מובטח לו שהוא בן עולם הבא'. ומציינים לספה"ק היכל הברכה (וירא בשם הבעש"ט זי"ע) שהוא מסוגל ג"כ למדות טובות.
ומנהג הרה"ק מסאטמאר זי"ע ללמוד בתפילין דר"ת כשעה ארוכה חומש רש"י עם הרמב"ן, ושאר מפרשים.

7 מג"א (סי' כה סקכ"ח) 'אין לחלוץ עד אחר המילה', מחזיק ברכה (סי' כה אות יא), וכ"כ בש"ך (יו"ד סי' רסה סקכ"ד). , מראית עין (להחיד"א ליקוטים סי' ב), ובאות חיים (סי' כה סקי"ח) שהבני יששכר והדברי חיים מצאנז זי"ע היו עליהם התפילין בעת המילה. ומנהג סקווירא מובא בחיי הלוי (ח"ד סי' ג אות ב ג) 'ואצלינו בסקווירא המנהג להיות עם התפילין עד אחר הברית מילה, והנה אם הסירו התפילין דרש"י אחר התפלה מניחין תפילין דר"ת קודם הברית'.

8 עטרת צבי (תזריע) דברית 'הרי זה דומה למוסף ר"ח, והמשכיל יבין, וכן ראיתי למורי הקדוש מוהרי"י מלובלין אשר לא הניח תפילין בעת המילה, הגם שלא ראיתיו חולץ התפילין לשעת המילה, אבל לא נזדמן לי זה, אמנם ראיתיו שלא הניח תפלין למילה, והוא בודאי מטעם הנ"ל, וכן ראיתי למורי הקדוש מוהר"ר משה יהודא ליב מסאסוב שחלץ התפלין, וכל מעשיו הי' ע"פ קבלת רבו הגה"ק מוהר"ר שמעלקא נצב"ה וראיתי הלכה למעשה', ובאות חיים (סי' כה סקי"ח מביא כל הנ"ל).
רביה"ק זי"ע הי' חולץ קודם המילה, ואם כבר קראו קוואטע"ר להביא את התינוק לביהמ"ד הי' נשאר עליו עד אחר המילה. הליכות הלוי (עמ' שנב) וכן נהג הרה"ק מ'סאטמאר זי"ע לחלוץ קודם המילה ופעם נשאר בתפילין ושאל גבאו של המנחת אלעזר מאב"ד פאיע זצ"ל לשאול רבינ ולמה נשאר וענה שכבר קראו 'קוואטער' ולא רצה לחלוץ לפני אליהו הנביא דהוי כחולץ בפני רבו, וכשאחד שאל אותו ענה דעביד כמר עביד.

9 שלחן מלכים (ס"ק רכ).

10 כן המנהג, וכן כתב באות חיים ושלום (סי' כה סקי"ח) שאף דעביד כמר עביד מ"מ כשהוא מוהל הוא חולצן מפני אומנות המילה.

11 שו"ע (סי' כח ס"ב) ומ"ב (סק"ו) דכהנחת כך חליצתן, וכ"כ השל"ה (במצות תפילין פ"ח פיסקא ב).

12 שו"ע (סי' כח ס"ב)

13 מ"א (סי' כח סק"ב) בשם גליא רזיא: 'חולץ תפילין של ראש אחר שמסיר הרצועה מהאצבע', וכ"כ המ"ב (סק"ה).
ועי' באשל אברהם (קמא) אם חולץ מהר מחשש הפחה, נראה שיחלוץ השל ראש קודם שיסיר הג' כריכות.

14 מאסף לכל המחנות (סק"ו) בשם מחזיק ברכה (סק"ד) והובא בשע"ת (סי' כה סקי"ט), ובכף החיים (סי' כח סק"ה) 'מיהו לדעת מהר"ש ויטאל ז"ל יסיר גם שתים או שלש כריכות מן הזרוע ואח"כ יסיר תש"ר', וכן הוא בקיצור ש"ע (סי' י ס"כ), ובן איש חי (חיי שרה ס"ט).
אבל במסגרת השלחן (אות טו) כתב שלא מצא כן בפוסקים ואין המנהג כן, וכן כתב בישועות חכמה (אות כב) דמסירים רק ג' כריכות מן האצבע.

15 שו"ע (סי' כח ס"ב), מ"ב (ס"ק ה ו) שחולץ עם היד כהה להראות שקשה עליו לחולצן, ואינו חולצן אלא משום כבודן, שקשה להשמר זמן רב שלא יפיח בהן, בן איש חי (חיי שרה ס"י), באה"ט (סי' כט סק"א), אור צדקים (סי' ט אות ו) 'קבלנו בקבלה להסיר תש"ר ביד שמאל'.
ועי' במצות תפילין (להשל"ה פ"ח אות ה) שכתב 'וקבלתי שהקציצה יאחוז ביד שמאל בעת החליצה, וביד ימין יאחוז קשר ש ד"י, כדי שלא יהא נראה כגוררן', ולכאורה קשה קצת לנהוג כן כי ביד הימין צריך להגביה הכיסוי שעל הראש, כדי של יפול כאשר חולץ התפילין של ראש.

16 שו"ע (סי' כח ס"ג) דמנהג חכמים לנשק התפילין בשעת הנחתן ובשעת חליצתן, ובא"ר (סק"ה) שמנהג יפה לכל ישראל לעשות כן, ולעשות עצמו ת"ח, ועי' כף החיים (סי' כח סקי"ח), ובבן איש חי (חיי שרה ס"י) שמשמע שחלוקים קצת בזמן הנשיקה.

# ניטפי תנחומין מעומק הלב

בצער רב וביגון ק
האי גברא רבא ויק
קדשו של כבוד קד
נפש צד

מוד

ה

ויזכר

ומקירות הלב תנחומינו יש
ישיבו ונסו יגון ואנחה, ובזכ
יהיה ל

ישיבה קטנה
אור החיים
ד'טאהש

ישיבה גדולה
אור החיים
ד'טאהש
ק"ק קרית טאהש יע"א

להתקשר
בהחזקת מוסדותינו הק'
עם רביה"ק זי"ע

בית המדרש הגדול
ד'קהל אור החיים ד'טאהש
נתייסדה ע"י רבינו הקוה"ט זיעועכ"י • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

תלמוד תורה
בית יודא ד'טאהש

בית חינוך לבנות
בית צירל
ד'טאהש
ק"ק קרית טאהש יע"א

החותמים בצער ובדמע, ומנחמים
**הנהלת קהילות ומוסדות ט**

דר הננו מבכים הסתלקותו של כבוד ה', איש חי ורב פעלים, הנכבד המפואר, איש המעש וכביר הפעלים, תורת חסד על לשונו,
ירא, בישראל גדול שמו, מעשי צדקה וחסד חובקות זרועות עולם. זכה לעמוד לימין קדשו של רביה"ק זי"ע, ויבלחט"א לימין
ושת מרן רבינו שליט"א בהחזקת מוסדותינו הקדושים במסירות נאמנה ונפלאה. זכה לעשות ביתו אכסניה של תורה להחיות
יק רביה"ק זי"ע, מכל פינות אליו באהבה פונים, כתר שם טוב עולה על גביהן במידה גדושה, כבוד שם תפארתו.

הנגיד החסיד המרומם

ה"ר **ישראל דוב** ב"ר יצחק

# גאלדבערגער ז"ל

נזר הנדיבים דמוסדותינו הקדושים

תנחומינו יעלו לכל המשפחה הכבודה שיחיו

**אשתו החשובה** רודפת צדקה וחסד, חלק כחלק תאכלו שיחיו

בניו הנגידים והנכבדים, רודפי צדקה וחסד, מנכבדי אנשי שלומינו, הולכים בדרכי אבות

רה"ח מוה"ר **אלכסנדר** הי"ו, הרה"ח מוה"ר **אברהם יהודה** הי"ו,

הרה"ח מוה"ר **יעקב משה** הי"ו, הרה"ח מוה"ר **יוסף** הי"ו,

והלך לפניך צדקותיך

**מעשיו הברוכים רבות בשנים, שזכה ליתן הוספה למרביצי תורה**
**בישיבותינו הקדושות בחודש ניסן ובחודש תשרי**

עשעו נפשו, שלא ישמע עוד שוד ושבר באהליכם, והמנחם ציון ובונה ירושלים יחבש לעצבותיכם,
ות צדקותיו ומעשיו וחסדיו הטובים והישרים קל שד-י יתן לכם רחמים, ותזכו לרב טוב הצפון, ששון ושמחה
מליץ בעדיכם ויו"ח היקרים, עד עת יעמוד הכהן לאורה, ויקיצו וירננו שוכני עפר, בב"א. ומשמי מרומים

מקרב הלב

**שאהש**

printcenter


בעזרת השם יתברך
נעלה את ירושלים על ראש שמחתינו
עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים
קול ששון וקול שמחה קול חתן וקול כלה
ברוב שבח והודאה להשי״ת ובלב מלא שמחה
מתכבדים אנו להזמין את קרובינו וידידינו
להשתתף בשמחת כלולת בנינו היקרים שיחיו

הבחור החתן המופלג בתוי״ש
**יצחק אייזיק** נ״י

עב״ג הכלה הבתולה המהוללה
**רבקה** תחי׳

שתתקיים בעזהשי״ת למזל טוב בשעה טובה ומוצלחת
ביום ב׳ לסדר ״וישכון כבוד ה׳״ (משפטים)
כ״ב שבט שנת תשפ״ו לפ״ק הבעל״ט

קבלת פנים בשעה 6:00 | החופה בשעה 7:00

באולם קאנטינענטאל
ברוקלין, ניו יארק

ידידיכם המצפים לראותכם ולקבל פניכם בשמחה

הורי החתן
ישראל יוסף גרינפעלד
ורעיתו

הורי הכלה
משה אהרן חיים ווייס
ורעיתו
בן הרה״ח ר׳ ישכר דוב ז״ל
חתן הרה״ח ר׳ יצחק געלב ז״ל


שנת ״יגאלינו גאולה שלימה מהרה״ לפ״ק
בעזהשי״ת
נעלה את ירושלים על ראש שמחתינו
מהרה ה׳ אלוקינו ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים
קול ששון וקול שמחה
קול חתן וקול כלה
קול מצהלות חתנים מחופתם ונערים ממשתה נגינתם

י ערב עתירתינו קול ברמה, הקול יעקב יקשב ה׳ וישמע, ויתקבל בחנינה כתפילת חנה
ע לץ לבי בה׳ בשיר ושבח, להעלות לא־ל הטוב תודה וזבח, על עת דודים שהגיענו גיל ונשמ ח
ק רושים שרפי מעלה בראש פאר יכהן, ממרומים יופיעו יחדיו לרנן, וברכות ישפיעו בתשועות ח נ
ב שמחתינו את ירושלים נעלה, חסדיו נא הגלה, ירום עטרת קרננו בהדרה, בשמחת נטעי כנ ה

אתכבד בזה להזמין את כל קרובינו וידידינו
להשתתף בשמחתינו ולשוש אתנו יחד ביום כלולת בתינו

הכלה הבתולה המהוללה
מרת **חנה** תחי׳
עב״ג
הבחור החתן המופלג בתוי״ש
הרב **יעקב הכהן** שליט״א
בן כבוד מחו׳ שלהיו״ח כש״ת הרה״ג מוה״ר ר׳ יואל הכהן גראס שליט״א
בן הגה״צ מוה״ר ר׳ אברהם יקותיאל יהודא אבדק״ק שארמאש שליט״א
וחתן הגה״צ מוה״ר ר׳ אלעזר אלימלך ראזענבערגער שליט״א

שתתקיים בעזהשי״ת למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת
ביום א׳ לסדר ״יברך את לחמך ואת מימיך״ (משפטים)
אור ליום כ״ב שבט שנת ״ישועת ה׳״ (ה׳ תשפ״ו) הבעל״ט (ולמס׳ Feb.8)

קבלת פנים בשעה 6:00 | והחופה בשעה 7:00

**באולם ווילהאוויץ**
230 Maple Ave. Monsey, NY 10952

ואי״ה בבוא עת מועדיכם בתת ה׳ שמחה במעוניכם גם אנו נשמח בשמחתכם
ויה״ר שמשמחה זו יושפע מן השמים, שפע רב במלוא חפנים, ורב ברכות בכפלים,
ותזכו לאורך ימים ושנות חיים, ובמהרה נזכה לשמחת ציון וירושלים, אמן.

ידידכם המצפה לקראת בואכם לשלום ולקבל פניכם באהבה ושמחה
**חיים פסח יונגער ובי״ב**
בלאאמו״ר הרב הגה״צ אבדק״ק קהל יראים־מאנסי שליט״א
וחתן מו״ח כ״ק מרן אדמו״ר מתולעת יעקב זצוק״ל


אודה ד׳ מאד בפי שהחיינו וקיימנו והגיענו לזמן הזה הוא יום כלולת בני היקר
הבחור החתן המופלג בתוי״ש
הרב **יצחק אייזיק** שליט״א
עב״ג הכלה הבתולה המהוללה
מרת **פערל** תחי׳
בת מחו׳ שהחו״ח פאמ״ק
הרה״צ ר׳ **משה דוד לאבין** שליט״א
נשיא ויו״ט מוסדות דברי חיים בק״י
בן כ״ק אדמו״ר מודושבוז לאנראן שליט״א
וחתן הרה״צ אבד״ק ראפשיץ שליט״א ק״י בן כ״ק אדמו״ר ממעלין שליט״א
שתתקיים בעז״ה למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת ומבורכת
ביום ראשון פ׳ משפטים כ״א שבט שנת תשפ״ו לפ״ק הבעל״ט
קבלת פנים אי״ה בשעה 6:30 | והחופה אי״ה בשעה 7:30
**בעטרת משארנא**
790 N Main Street Spring Valley, NY
ידידכם השש״מ המצפה לקראת בואכם לשלום
**דוד משה ראזענבוים**

אל מעלת כבוד חברינו
וידידינו הנאמנים, אנשי
שלומינו תלמידי וחסידי
כ״ק מרן רבינו הקדוש זי״ע,
ויבלחט״א כ״ק מרן רבינו
שליט״א.

**נתכבד בזה להזמינכם**
**לבוא ולהשתתף ולהתעלס**
**באהובים בעת שמחת**
**נישואי צאצאינו היקרים,**
**בזמן ובמקום המוגבל הנ״ל,**
**ובעזרת השם בעת שמחתכם**
**ומועדיכם ישמח לבנו גם אנו.**

*המחותנים*

אריינצולייגן
אייער הזמנה
ביטע רופט
אריין צום
מערכת
**718.451.8674**
עקסטענשן
840

# במקהלות

נייעס, באריכטן און אנטוויקלונגען, אינערהאלב
**קהילותינו ומוסדותינו הקדושים**
צווישן מקהלת אנשי שלומינו ברחבי תבל

ישיבה גדולה אור החיים - קריתינו הק':

## דערהויבענע ביקורי קודש און ווארימע תפלות ואמירות תהלים בהיכל הישיבה בראשות כ"ק מרן רבינו שליט"א

דעם פארלאפענעם ליל שישי פרשת בשלח איז כ"ק מרן רבינו שליט"א ערשינען בהיכל הישיבה, ווי די רבי האט געדאווענט מעריב אינאיינעם מיט די תלמידים, און נאך מעריב האט מרן רבינו שליט"א אויפגעטרעטן מיט קורצע דברי הדרכה פאר די חשוב'ע תלמידים.

נאך די דברות קודש זענען די תלמידים ארויפגעגאנגען צום ציון הק' פון רביה"ק זי"ע לאמירת כל ספר תהלים אינאיינעם מיט מרן רבינו שליט"א, ווי מען האט אויסגעזאגט גאנץ ספר תהלים אינעם זמן המסוגל פון ליל שישי בימי השובבי"ם, און נאך תהלים האט מרן רבינו שליט"א אנגעוואונטשן קורצע ברכת הקודש.

*

דעם פארלאפענעם מאנטאג אינדערפרי, יום המסוגל חמשה עשר בשבט, האבן די תלמידים זוכה געווען צו אפרעכטן דעם טאג אויף א דערהויבענעם פארנעם בין כותלי הישיבה.

מאנטאג אינדערפרי איז מרן רבינו שליט"א ערשינען בהיכל השיבה צו תפלת שחרית, צום עמוד איז צוגעגאנגען הבה"ח ארי' סאנדעל ני"ו, און רבינו שליט"א האט עולה געווען לוי לתורה.

נאך תפלת שחרית איז געווען צוגעשטעלט א לחיים און דערנאך האבן די תלמידים זוכה געווען צו אויסזאגן גאנץ ספר תהלים ביום המסוגל ובמקום המסוגל, בבית מדרשו הפרטי פון רביה"ק זי"ע בבנין הישיבה, אינאיינעם מיט כ"ק מרן רבינו שליט"א.




מען האט אינאיינעם אויסגעזאגט גאנץ ספר תהלים בהתעוררות רב, און נאך אמירת תהלים האט מרן רבינו שליט"א געזאגט פאר די תלמידים אז יעדער איינער זאל צוגיין און בעטן א תפלה להתעלות בתורה ולהתהלך לפני אלקים באור החיים, ביי דעם מקום המסוגל ווי רבינו הקדוש זי"ע האט אפגעראכטן די געהויבענע עבודת התפלה פאר אזויפיל יארן, און גע'פועל'ט ישועות למען הכלל והפרט.

נאך אמירת ספר תהלים האט רבינו שליט"א אפגעראכטן א ספעציעלע פירות טיש אינאיינעם מיט

די תלמידים ווי מ'האט געזינגען ניגונים לכבוד היום, רבינו שליט"א האט נאכאמאל משמיע געווען טרעפליכע דברות קודש וואס מ'ען זיך ארויסלערנען פון די טאג חמשה עשר, און די רבי האט טועם געווען און פארטיילט שיריים פון די פירות, און דערנאך זיך ארויסגעלאזט אין פרייליכע טאנץ האט'ס גע'פועל'ט אלעס גוט'ס.

ישיבה קטנה תפארת משולם פייש ד'טאהש - ניו יארק:

# בחורי ישיבתינו הק' לעבן מיט לעכטיגע טעג בצל הקודש פון הוד כבוד קדושת מרן עט"ר שליט"א בקרתא דשופריא קרית טאהש

פארגאנגענעם דאנערשטאג נאכט פר' בשלח-שירה העעל"ט איז פארגעקומען א מסיבת ליל שישי אלץ הכנה דרבה צו די דערהויבענע נסיעה לשבות בצל הקודש פון רבינו שליט"א. הרה"ג ר' מרדכי בעריש מערמעלשטיין שליט"א ר"מ ומשפיע בישיבתינו הק' האט אויפגעטרעטן מיט הערליכע דיבורים און ארויסגעברענגט די געלעגנהייט און גרויסקייט פון א שבת אין טאהש, ובפרט שבת שירה. דערנאך האט מען געזינגען ווארימע ניגונים צו אנווארעמען די הערצער.

תיכף דערנאך איז מען ארויף געגאנגען אויף די באסעס און מען האט זיך געזעצט אויף די פאראויס באשטימטע זיץ פלעצער, אונטער די אויפזיכט פון די געטרייע רמ"י ומשגיחי הישיבה שליט"א. אויפן וועג האבן די חשובע בחורים אויסגענוצט די טייערע צייט ליל שישי בימי השובבי"ם, מיט לימוד התורה און אמירת תהלים.

ביים אנקומען פארטאגס האט מען זיך מסדר געווען אין די באשטימטע צימערן בבנין ישיבה קטנה. דערנאך האבן די חשוב'ע בחורים אויסגענוצט די צייט ביזן דאווענען מיט'ן לערנען. כותיקון האט מען געדאווענט א פייערדיגע טאהש'ע דאווענען. בעל תפילה איז געווען הבה"ח שמואל גרינבוים נ"י. דערנאך איז געווען צוגעשטעלט א ברייטע פרישטאג בביתו נאוה קודש און דערנאך זענען די בחורים זיך געגאנגען לייגן צו קענען שעפן פרישע כוחות אויפן שבת המרומם.

ארום פיר אזייגער האבן די בחורים זיך צוזאמגענומען אין היכל בית המדרש הגדול צו די הערליכע דרשה הכנה לשבת פון פה מפיק מרגליות הרה"ג רבי אברהם שלמה פאפלאנאש שליט"א מרביץ תורה בקריתינו הק', וועלכע האט אריינגעברענגט די בחורים אינעם לעכטיגן שבת.

רבינו שליט"א איז ערשינען צו הדלקת הנרות אין בית המדרש הגדול, דערנאך זענען די בחורים אריבערגעגאנגען דעם רבי'ן מקבל שלום זיין, און דערנאך האט מען געזאגט שיר השירים מיט רבינו שליט"א.

די בחורים האבן זיך געשטעלט אויף די באשטימטע פלעצער ביים דאווענען און מען האט געדאווענט מיט א פלאם פייער. נאכן גוט שבת זאגן איז מען געגאנגען צו די סעודת ליל שבת בביתו נאוה קודש, בראשות די רמ"י ומשגיחי הישיבה שליט"א. במשך די סעודה האבן אויפגעטרעטן הרב הגאון ר' מענדל וואלף האלצער שליט"א מנהל ישיבה גדולה תורת משולם פייש, און הרה"ג ר' אלתר משה כהנא שליט"א ר"מ בישיבה קטנה תפארת משולם פייש, וועלכע האבן ארויסגעברענגט די גרויסקייט פון שבת שירה און שיינע עניני הפרשה ובגודל קדושת המקום. מען האט געזינגען פאסיגע ניגונים לכבוד שבת בראשות הגאון הדומ"ץ ק"י ור"מ בישיבה תורת משולם פייש שליט"א. דערנאך איז מען אריבער צום דערהויבענעם טיש פון רבינו שליט"א, וואו די בחורים זענען געשטאנען אויף די ספעציעלע פלעצער אויף די ברענטשעס.

נאכן טיש האבן זיך די בחורים געזעצט צו א דערהויבענע באטע מיט רבינו שליט"א מיט די תלמידי הישיבות הקדושות פון ניו יארק און פון קרית טאהש. מען האט געזינגען שיינע ניגונים, און רבינו שליט"א האט געזאגט דברות קודש פאר די בחורים. דערנאך האט מען זיך ארויסגעלאזט אין פרייליכע ריקודין לכבוד שבת.

בצפרא דשבתא האט מען שוין געזעהן די בחורים אין בית מדרש ארום 6 אזייגער עוסק זיין בתורה. 7:45 איז רבינו שליט"א אריין געקומען צו אמירת תהילים, וואו מען האט אויסגעזאגט גאנץ ספר תהילים מיט א פלאם פייער.

נאכדעם האט מען געדאווענט א פייערדיגע דאווענען, רבינו שליט"א איז צוגעגאנגען צום עמוד און פארגעזאגט די שירה מיט גרויס התעוררות. נאך שחרית איז מען געגאנגען צו די סעודת יום השבת בראשות רבינו שליט"א. במשך די סעודה האט דער רבי פארטיילט שיריים פון די מאכלים און מען האט געזינגען זמירות לכבוד שבת. די בחורים האבן אהיים באגלייט רבינו שליט"א און נאכגעזאגט דברי תורה אויפ'ן וועג, און רבינו שליט"א האט געוואונטשן גוט שבת פאר די בחורים.

ארום 4:00 אזייגער איז געווען א סדר הלימוד וואו מען האט געלערנט פלייסיג. נאכדעם האט מען געדאווענט מנחה ושלש סעודות וואו די בחורים האבן מיט געזינגען די זמירות מיט א פלאם פייער. דערנאך האט מען געדאווענט מעריב און רבינו שליט"א האט געמאכט הבדלה, הבה"ח אשר זעליג מאירוביץ נ"י האט געהאלטן די הבדלה.

ארום 9:00 אזייגער האבן די בחורים זיך געוואשן צום רייכן סעודת מלוה מלכה, צוזאמען מיט די ישיבה גדולה פון נ"י און די ישיבות פון קרית טאהש בראשות רבינו שליט"א, אויבנאן האבן באשיינט די מנהלים און רמי"ם און משגיחי ישיבותינו הקדושות שליט"א. מען האט געזינגען זמירות מלוה מלכה און עס האט אויפגעטרעטן הגאון דומ"ץ ק"י ור"מ בישיבה גדולה תורת משולם פייש שליט"א וועלכער האט טרעפליך אויפגעטרעטן און ארומגערעדט וואס מיינט א טאהשער בחור און די זכי' וואס מיר האבן מיטן לערנען בישיבה של רבי. דערנאך האט מען געהערט דברות קודש פון רבינו שליט"א וועלכער האט מאריך געווען מיט הדרכה בתורה עבודה ומדות טובות אויף די ימי

הבחרות. דערנאך האט אויפגעטרעטן הרב יואל אלחנן פאפלאנאש שליט"א משב"ק מיט דברי שבח אויף די הייליגע ישיבות, נאך ברהמ"ז איז מען ארויס א ריקודין.

*

## דרשה בהיכלא דמלכא - הכנה לציון קדוש

זונטאג צופרי האט מען געדאווענט א פייערדיגע שחרית. צום עמוד איז צוגעגאנגען הבה"ח יצחק שווארץ נ"י. נאך שחרית האט מען געגעסן פת שחרית. ארום 11:30 האט מען געהערט א דרשה "בהיכלא דמלכא" פון הרב ר' יואל אלחנן פאפלאנאש שליט"א משב"ק וועלכער האט געשילדערט בנועם שפתיו די עבודת הקודש פון רביה"ק זי"ע, און דאס געוואלדיגע התקשרות פון רביה"ק זי"ע צו די תלמידים הנקראים בנים. דער מנהל שליט"א האט באדאנקט ר' יואל אלחנן פאר זיין געוואלדיגע מסי"נ פאר די אויפבוי און וואוקס פון ישיבותינו הקדושות אין נו יארק.

דערנאך האט הרב ר' יוסף מאיר הערשקאוויטש שליט"א מנהל בבית צירל אנגעווארעמט די בחורים מפי ספרים וסופרים פארן ארויפגיין צום ציון הקדוש. דערנאך איז מען ארויפגעגאנגען צום ציון הק' און אויסגעזאגט גאנץ ספר תהילים בהתעוררות רב בהשתתפות די מגידי שיעור ומנהלים ומשגיחים.

ארום 5:50 איז רבינו שליט"א ערשינען אין היכל ישיבה קטנה צוזאמען מיט די בחורים פון ישיבה קטנה און ישיבה גדולה צו דאווענען תפלת מנחה מעריב. צו מנחה איז צוגעגאנגען הבה"ח צבי הירש קרויס נ"י, מעריב הבה"ח חיים דוד מאירוביץ נ"י. דערנאך האבן די בחורים זיך געזעגנט פון רבינו שליט"א. און ס'איז געווען צוגעשטעלט סעודת ערב בביתו נאוה קודש, און דערנאך האבן די בחורים זיך מסתופף געווען ביים טיש לכבוד חמשה עשר בשבט.

בשעת'ן טיש האט דער חשובער מנהל שליט"א איבערגעגעבן פאר רבינו שליט"א די מנחת ביכורים פון די חשוב'ע בחורים וואו די בחורים האבן געלערנט במשך די שובבי"ם טעג בהיכל הישיבה טויזנטער שעות רצופות. דער רבי האט מיט גרויס התרגשות דורכגעליינט די נוסח און די קוויטל פון אלע בחורים און ארויסגעברענגט די געוואלדיגע קורת רוח פאר אים און פאר'ן הייליגן צדיק און די אבות הקדושים נ"ע אז די בחורים לערנען ב"ה בהתמדה וברציפות. נאכ'ן טיש האבן זיך די בחורים ארויסגעלאזט צוריק אויפ'ן וועג אהיים, נאכדעם וואס די בחורים האבן זיך אנגעזאפט מיט רוחניות והתחזקות בצל הקודש, זייענדיג בטוח אז מ'האט גע'פועל'ט אלעס גוטס.

*

א ספעציעלע דאנק האבן די בחורים ארויסגעברענגט פארן איש האשכולות, דער געטרייער עומד על הפקודים בבית רבינו שליט"א, הרה"ח ר' אהרן מיכאל גבריאל סג"ל קרויס הי"ו פארן צושטעלן מיט א געוואלדיגע געטריישאפט אלע סעודות פון ער"ש צופרי ביז זונטאג נאכט שלא יחסר המזג.

**יום שבתון אין לשכוח.**

אבד חסיד מן הארץ:

## ויבכו כל בית ישרא"ל

דעם מאנטאג יתרו האבן אנ"ש מיט גרויס צער אויפגענומען די שווערע בשורה איבער די פטירה פון הרבני הנגיד הטפסר המרומם, בונה ומקים עולמות של תורה וחסידות, מוה"ר ישראל דוב ב"ר יצחק גאלדבערגער ע"ה, וועלכע איז נפטר געווארן אין עלטער פון 88 יאר, לדאבון לב כל יודעיו ומכיריו.

דער פטירה פון ר' ישראל דוב איז א ספעציעלע פארלוסט פאר קהלתינו ומוסדותינו הק', נאך וואס ר' ישראל דוב איז געווען נאנט און מקושר לבית חיינו בכל לבו ונפשו, קומענדיג כסדר צו פארן זיך צו ווייקן בצילא במהימנותא קדישא פון כ"ק מרן רביה"ק זי"ע, און געשיקט אלע זיינע קינדער לערנען בישיבה של רבי, און אויך אנגעהאלטן ווייטער נאך די הסתלקות פון הייליגן רבי'ן, א קשר און התבטלות צו כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א, עד יומו האחרון.

א שטארקע זכי' האט ר' ישראל דוב געהאט, וואס ער האט זיך געלאזט קאסטן גרויסע סכומים לכל קדשי בית טאהש, ובפרט האט ער מנדב געווען א אומגעהויערע סכום אדיר ועצום איבערצובויען דעם בית מדרשו של רבי, דעם היכל בית המדרש הגדול אין קריתינו הק', אזוי אויך האט ער לאנגע יארן געהאט די זכי' און מנדב געווען סכומים אדירים צו קענען באצאלן פאר די מלמדים וכלי קודש פון מוסדותינו הק' בקריתינו הק' לכבוד די ימים טובים.

אזוי אויך איז ער געווען גרייט בכל לבו ומאודו למען הקמת מוסדותינו הקדושים אין ניו יארק, און דעם פארגאנגענעם זומער האט ער זיך באטייליגט און פערזענליך מיטגעהאלטן דעם "שבת המייסדים" דורך איגוד מוסדות טאהש ניו יארק, אוועקצושטעלן א בסיס אדיר וחזק פאר מוסדותינו הק' אין אלע שטעט ברחבי ניו יארק.

ר' ישראל דוב איז געווען אן ווארימע חסידישע איד מיט א טעם פון אמאל, א שטארקע התבטלות פאר ערליכע אידן, און עס דארף אויך דערמאנט ווערן זיין שטארקע און אויסערגעווענליכע זהירות אין די מצוה פון כיבוד אב ואם, אין וואס ער האט אליינס תולה געווען זיין שטארקע הצלחה אין אלע ענינים.

ער האט איבערגעלאזט די חשוב'ע אלמנה תחי', וועלכע איז במשך זיין גאנצע לעבן געשטאנען לימינו מיט אלע מעשי הצדקה וחסד, און מיט א ערליכע דור ישרים ומבורך, זיינע זונען הנגידים ר' אלכסנדר הי"ו, ר' אברהם יודא הי"ו, ר' יעקב משה הי"ו, און ר' יוסף הי"ו, וועלכע שטייען ווייטער לימין עוז פון כ"ק מרן רבינו שליט"א, ולימין מוסדותינו הק' די בכל אתר ואתר.

דער אייבערשטער זאל טרייסטן די גאנצע משפחה, און מ'זאל קיינמאל מער נישט הערן פון קיין צער.

**יהא זכרו ברוך.**

## דינסטאג פר' בשלח

ביינאכט איז פארגעקומען א שבע ברכות מיוחד לכבוד החתן יעקב אלימלך קליין הי"ו משמש בקודש, בן מוה"ר יקותיאל צבי הי"ו מלמד מומחה בתלמוד תורה, בן הרה"ח ר' אלימלך קליין ז"ל משב"ק אצל רביה"ק זי"ע, עב"ג הכלה בת מוה"ר חנוך דוד שלום וויינגארטן הי"ו חבר מקהלת המנגנים דחצרות קדשינו, בביתו נאוה קודש פון כ"ק רבינו שליט"א.

מען האט געזינגן פאסיגע ניגונים, אויפן אויבן אן האבן באשיינט רבינו שליט"א, ובני וחתני רבינו שליט"א, און מיט די השתתפות פון די קרובי המשפחה ומשמשים בקודש.

במשכ'ן סעודה האט אויפגעטרעטן מיט פאסיגע ווערטער הרה"ג ר' אברהם שלמה פאפלאנאש שליט"א, און שפעטער האט מען געהערט פאסיגע דיבורים פון בנו מוה"ר יואל אלחנן הי"ו משב"ק.

מיט ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען דער זיידע הרה"ח ר' לייב גוטמאן הי"ו פון בארא פארק, מיט די שבע ברכות זענען מכובד געווארן: מוה"ר ראובן מנחם שווארץ הי"ו משב"ק, מוה"ר יואל אלחנן פאפלאנאש הי"ו משב"ק, מוה"ר אהרן מיכאל גבריאל סג"ל קרויס הי"ו מנאמני בית רבינו שליט"א, דער פעטער מו"ה שלמה זלמן ברוך קליין הי"ו פון מאנטריאל, הרה"צ רבי מרדכי אברהם גינזבערג שליט"א חדב"ן, ברכה אחריתא הרה"צ רבי אברהם יודא סג"ל שליט"א.

נאכן בענטשן האט זיך דער רבי ארויסגעלאזט אין א ריקוד מיטן חתן, דערנאך מיט די מחותנים און די זיידע'ס, און אנגעוואונטשן ברכת קדשו.

## מיטוואך פר' בשלח

נאכמיטאג האט דער רבי מנחם אבל געווען דורכן טעל. ביי משפחת המנוח מוה"ר ישראל משה ברוינשטיין ע"ה פון וויליאמסבורג. דער רבי האט געטרייסט און מחזק געווען די משפחה, און ווארעם אנגעוואונטשן ברכות לרוב.

## דאנערשטאג פר' בשלח

אינדערפרי איז פארגעקומען די תפלין לייגן פאר הבחור הבר מצוה בן הרה"ג ר' חיים סג"ל קרויס שליט"א, ר"מ בישיבה גדולה אור החיים בקריתינו הק', דער רבי האט געגעבן ווארימע דברי הדרכה, און נאכן תפלין לייגן אנגעוואונטשן ברכת קדשו פארן בר מצוה בחור און די עלטערן, און געגעבן במתנה די ספרי הקודש עבודת עבודה.

ביינאכט האט דער רבי געדאווענט תפילת מעריב אינאיינעם מיט תלמידי ישיבה גדולה אור החיים בהיכל הישיבה, דערנאך ארויס צום ציון הקדוש פון רביה"ק זי"ע לאמירת כל ספר תהלים.

## עש"ק פר' בשלח

אינדערפרי האט דער רבי געדאווענט תפילת שחרית אינאיינעם מיט תלמידי ישיבה גדולה תורת משולם פייש פון ניו יארק, בבית מדרשו הפרטי פון רבינו הקדוש זי"ע בבנין ביהמ"ד הגדול.

נאכן דאווענען האט דער רבי אויפגענומען די תלמידי ישיבה גדולה, ווי יעדע בחור האט געהאט א געלעגנהייט באזונדער אריינצוגיין אל הקודש פנימה לברך ולהתברך.

## שבת קודש פר' בשלח - שירה

פארן זמן הדהל"נ איז דער רבי ערשינען אין ביהמ"ד הגדול, געצינדן די ליכט לע"נ רביה"ק זי"ע, די ליכט ביים עמוד, און די נרות שבת, דערנאך האבן אלע תלמידי ישיבה קטנה תפארת משולם פייש פון ניו יארק געהאט די געלעגנהייט צו נעמען שלום פונעם רבי'ן.

דערנאך האט דער רבי געזאגט שיר השירים אינאיינעם מיט די תלמידי הישיבות.

דער רבי איז צוגעגאנגען צו תפילת מנחה און קבלת שבת. נאכן דאווענען איז דער ציבור אריבער דעם רבי'ן וואונטשן א 'גוט שבת'.

ביים שלחן הטהור בהיכל ביהמ"ד הגדול זענען מכובד געווארן מיט הגבהת הכוס צו קידוש הרה"ג ר' מענדל וואלף האלצער שליט"א מנהל ישיבה גדולה תורת משולם פייש.

דער רבי האט געטיילט שיריים פון די מאכלים, און פארגעלערנט בספה"ק נועם אלימלך, און משמיע געווען דברות קודש. דער רבי האט געטיילט שיריים פון די ספעציעלע קוגל

לכבוד שבת שירה.

מיט די זמירות זענען מכובד געווארן: הגה"צ אב"ד קהלתינו הק' מאנסי שליט"א, הרה"צ רבי יצחק אייזיק סג"ל שליט"א ר"מ בישיבה גדולה תורת משולם פייש, הרה"ח ר' נתן גאנדל שליט"א פון קרית יואל, הרב הגאון דומ"ץ קהלתינו קרית יואל שליט"א ור"מ בישיבה גדולה תורת משולם פייש, הרב שלמה משה קירשנער שליט"א אב"ד תפלה לדוד פודהייץ פון לעיקוואוד, הרה"ג ר' יעקב יצחק לאבין שליט"א.

ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען הרב אהרן הערש שטעסל שליט"א מנהל בת"ת לרגל די יארצייט פון זיין טאטע ע"ה. שיר המעלות הב' אשר זעליג לאנדאווי ני"ו.

נאכן בענטשן און פארטיילן כוס של ברכה האט הרה"ח ר' יעקב זוסמאן שליט"א משב"ק פארגעזינגען ואמונה כל זאת כנהוג, און מען האט ממשיך געווען מיט פאסיגע ניגונים לכבוד שבת שירה. דער רבי האט זיך ארויסגעלאזט אין פייערדיגע ריקודין אויף בבקעך ים סוף. שבח נותנים מוה"ר משולם זושא אונגאר הי"ו פון מאנטריאל.

נאכן טיש איז פארגעקומען א מסיבת באטע אינאיינעם מיט תלמידי ישיבותינו הקדושות פון קריתינו הק' און פון ניו יארק, ווי מען האט געזינגען פאסיגע ניגונים לכבוד שבת קודש, דער רבי האט משמיע געווען דברות קודש פאר די תלמידים, און מען האט זיך ארויסגעלאזט אין פרייליכע ריקודין לכבוד שבת קודש.

דערנאך האבן די בחורים אהיימבאגלייט דעם רבי'ן לביתו נאוה קודש, און נאכגעזאגט דברי תורה אויפן וועג, אנקומענדיג אהיים האט דער רבי געוואונטשן א גוט שבת.

⋄

שבת אינדערפרי האט דער רבי פארגעזאגט ספר תהלים ביים עמוד כנהוג, דער רבי איז צוגעגאנגען צו פסוקי דזמרה, פארגעזאגט די שירה מיט גרויס התעוררות, און מען האט געזינגען די ניגון המקובל. שחרית האט געדאווענט הרב אהרן הערש שטעסל שליט"א מנהל ת"ת.

די עליות האבן עולה געווען: כהן מוה"ר אליעזר הערש פישער הי"ו משב"ק, לוי הב' הבר מצוה בן הרה"ג ר' חיים סג"ל קרויס שליט"א ר"מ בישיבה גדולה, שלישי הרב אהרן הערש שטעסל שליט"א מנהל ת"ת, רביעי מוה"ר יצחק נחום האמבורגער הי"ו משב"ק, חמישי שירת הים הגה"צ רבי יצחק אייזיק פיש שליט"א נכד רביה"ק זי"ע, לרגל די יארצייט פון הרבנית מ'האדאס ע"ה, ששי הרב הגאון דומ"ץ קהלתינו הק' קרית יואל שליט"א, שביעי - פרשת המן ח"א הרה"ח ר' יצחק יודא לייבוש מערמעלשטיין שליט"א מראשי קהלתינו הק', הוספות: פרשת המן ח"ב מוה"ר אלימלך ברה"ל קרויס הי"ו פון וומסב"ג, הרה"ח ר' פנחס ארי' גרינוואלד הי"ו, אחרון הגה"צ אב"ד קהלתינו הק' מאנסי שליט"א.

פאר מפטיר האט דער רבי געמאכט די מי שברך לחולי ישראל. מפטיר האט עולה געווען הרה"צ רבי מרדכי יודא פיש שליט"א נכד רביה"ק זי"ע. הגבה הב' יעקב מאיר ב"ר חיים נחום מערמעלשטיין ני"ו תלמיד ישיבה גדולה, גלילה הב' חיים נחום ב"ר יואל מערמעלשטיין ני"ו תלמיד ישיבה גדולה.

צו תפילת מוסף איז צוגעגאנגען הרה"צ רבי מרדכי יודא פיש שליט"א. פתיחה צו אנעים זמירות הרה"ח ר' נתן גאנדל הי"ו.

⋄

ביים שלחן הטהור אינאיינעם מיט תלמידי הישיבה גדולה והישיבה קטנה פון ניו יארק בביתו נאוה קודש, איז מכובד געווארן מיט הגבהת הכוס צו קידוש הרה"ג ר' חיים הערש מייזעלס שליט"א ר"מ בישיבה קטנה.

אז ביום השביעי הרה"ג ר' דוד שטערן שליט"א ר"מ בישיבה קטנה, ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען הרה"ג ר' יצחק אייזיק לאבין שליט"א. שיר המעלות הב' טובי' ב"ר ישראל זאב סג"ל שווארץ ני"ו.

⋄

שבת נאכמיטאג איז צוגעגאנגען צו תפילת מנחה הרב אהרן הערש שטעסל שליט"א. די עליות האבן עולה געווען ראשון הרה"ג ר' מנחם מענדל סג"ל גאלדשטיין שליט"א מנהל ישיבה קטנה תפארת משולם פייש, שני הרה"ג ר' מענדל וואלף האלצער שליט"א מנהל ישיבה גדולה תורת משולם פייש, שלישי הרב אב"ד תפלה לדוד פודהייץ שליט"א, הגבה הרה"צ רבי יצחק אייזיק סג"ל שליט"א ר"מ ישיבה גדולה תורת משולם פייש, גלילה הרה"ג ר' ישראל יששכר בער לייפער שליט"א ר"מ בישיבה קטנה תפארת משולם פייש.

קידוש ביי סעודה שלישית האט דער רבי מכבד געווען הגה"צ רבי יצחק אייזיק פיש שליט"א נכד רביה"ק זי"ע. דער רבי האט משמיע געווען דברות קודש.

מיט די זמירות זענען מכובד געווארן: מוה"ר שמעון סג"ל קרויס הי"ו פון קרית יואל, הרה"ג ר' יואל גאנדל שליט"א ר"מ בישיבה גדולה תורת משולם פייש, הרה"ג ר' אלתר משה כהנא שליט"א ר"מ בישיבה קטנה תפארת משולם פייש, הרה"ג ר' אלעזר ליעבערמאן שליט"א ראש חבורת עבודת עבודה וומסב"ג.

ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען הרה"צ רבי מרדכי יודא פיש שליט"א, שיר המעלות הב' אשר ענזיל ב"ר אלי' סג"ל קרויס ני"ו תלמיד ישיבה גדולה.

צו תפילת מעריב איז צוגעגאנגען הרה"צ רבי מרדכי יודא פיש שליט"א, נאך מעריב איז דער ציבור אריבער דעם רבי'ן וואונטשן א גוטע וואך א גוט יאר.

הגבהת הכוס צו הבדלה הב' שמחה אלעזר ב"ר איתמר טייטלבוים ני"ו תלמיד ישיבה גדולה תורת משולם פייש, די הבדלה האט געהאלטן הב' אשר זעליג ב"ר יששכר דוב מאירוביץ ני"ו תלמיד ישיבה קטנה תפארת משולם פייש.

דערנאך האט דער רבי דערציילט שיחות קודש.

שפעטער האט דער רבי אויפגענומען קבלת קהל לברך ולהתברך בחדר הפרטי בבנין הישיבה.

## מוצש"ק פר' בשלח

מוצש"ק איז פארגעקומען א גרויסארטיגע מלוה מלכה פאר די תלמידים פון אלע 4 ישיבות הק', ישיבה גדולה און ישיבה קטנה פון קריתינו הק', און פון ישיבה גדולה און ישיבה קטנה פון ניו יארק, וואו עס איז סערווירט געווארן א רחבות'דיגע סעודה בהיכל ביהמ"ד הגדול. מען האט געזינגן פאסיגע ניגונים און זמירות מוצש"ק.

דער רבי האט משמיע געווען לענגערע דברות קודש ודברי הדרכה, אזוי אויך האט אויפגעטרעטן הרב הגאון דומ"ץ קהלתינו הק' קרית יואל שליט"א, ור"מ בישיבתינו הק' ניו יארק, וועלכער האט איבערגעגעבן רגשי לבבו פון די ישיבה גדולה אין ניו יארק, זייענדיג א מגיד שיעור.

דער רבי האט געטיילט שיריים פון די קוגל פאר אלע תלמידים. שפעטער האט אויפגעטרעטן מוה"ר יואל אלחנן פאפלאנאש הי"ו משב"ק.

ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען הרה"ג ר' אברהם שלמה פאפלאנאש שליט"א, שיר המעלות הב' חיים ב"ר יוסף ישכר בער סג"ל טירנויער ני"ו תלמיד ישיבה גדולה פון קריתינו הק'.

נאכן בענטשן האט מען זיך ארויסגעלאזט אין א פריילכע ריקוד.

## זונטאג פר' יתרו

נאכמיטאג האט דער רבי געדאווענט מנחה ומעריב אינאיינעם מיט תלמידי ישיבותינו הקדושות פון ניו יארק בבנין הישיבה קטנה. נאך מעריב זענען די בחורים אריבער זיך געזעגענען פון רבינו שליט"א.

ביינאכט איז דער רבי ערשינען צום שלחן הטהור לכבוד חמשה עשר בשבט בהיכל ביהמ"ד הגדול, וועלכע איז פארריבער גאר דערהויבן, מען האט געזינגן פאסיגע ווארימע ניגונים א לענגערע צייט, און דער רבי האט משמיע געווען דברות קודש.

דערנאך האבן די מנהלי הישיבות פון ניו יארק איבערגעגעבן פאר רבינו שליט"א, א הערליכע רשימה פון די נעמען פון די תלמידים וועלכע האבן זיך צוגעגרייט מיטן לערנען שעות רצופות כהכנה צום דערהויבענעם שבת בצל הקודש.

דער רבי האט משמיע געווען התרגשות'דיגע ברכת קודש. דער רבי האט זיך באדאנקט פאר די בחורים פארן לערנען אזוי פלייסיג, און אויפגעפאדערט אויף ווייטער.

דער רבי האט געמאכט א ברכת העץ אויף די שבעת המינים, און א ברכת האדמה, דערנאך האט דער ציבור געהאט די געלעגנהייט אריבער צו גיין ביים רבי'ן נעמען אתרוג און פירות.


בעזהשי"ת

מזון הנפש

### סדר הלימודים

במסגרת החבורות שע"י קהילתינו הק'

= פרשת משפטים =

| | ז' עמודים - מסכת זבחים: לימוד היום | ז' עמודים - מסכת זבחים: חזרת השבוע | ה' עמודים - מסכת בבא בתרא: לימוד היום | ה' עמודים - מסכת בבא בתרא: חזרת השבוע |
|---|---|---|---|---|
| שב"ק יתרו | דף מח. | דף מד: | חזרה | חזרה |
| זונטאג | דף מח: | דף מה. | דף קנא. | דף קמח: |
| מאנטאג | דף מט. | דף מה: | דף קנא: | דף קמט. |
| דינסטאג | דף מט: | דף מו. | דף קנב. | דף קמט: |
| מיטוואך | דף נ. | דף מו: | דף קנב: | דף קנ. |
| דאנערשטאג | דף נ: | דף מז. | דף קנג. | דף קנ: |
| עש"ק | דף נא. | דף מז: | חזרה | חזרה |

בחינה הבאה ביום א' פרשת תצוה
חבורת ז' עמודים - כל פרק ג'
חבורת ה' עמודים - קמו.-קנה:

הערליכע שיעורים לימוד וחזרה, שואל ומשיב, ווי אויך צו טרעפן א חברותא רופט קול איחוד טאהש
514-500-8674 - 718-451-8674
ביי 1-4 פון די מעין מעניו


קול איחוד טאהש
מקושר פון איבעראל
718.451.TOSH
514.500.TOSH

פרנס
השיעורי תורה על 'קול איחוד' לשבוע זו
נתנדב על ידי
מוה"ר שמואל יואל זוסמאן ניימאן הי"ו (מאנסי)
לרגל אירוסי בתו עב"ג החתן יוסף דאנציגער ני"ו
זכות השיעורי תורה דרבים יעמוד לו ולזרעו להתברך בכל הברכות הכתובה בתורה עד עולם אמן

718.451.8674
514.500.8674
0.333.015.0715
079.704.0074

קולו בקודש מרביה"ק זי"ע | דברות ושיחות קודש מרבינו שליט"א | דרשות | שיעורים | חבורות
מעמדים | מאורעות | מודעות | שמחות | אינטערוויו'ס | מזון הנפש | עזר לתושבים
מעמבער אפטיילונג | ואטהר ואתקדש | קהילות ומוסדות | פרנסה ביחד | ועוד

די לעצטע געלעגנהייט אריינצושיקן בריון, מודעות, און מזל טוב'ס פארן גליון, איז:
מיטוואך 12:00 מיטאג



איחוד תלמידי וחסידי טאהש
יו"ל ע"י
איחוד תלמידי וחסידי טאהש
פילצאליגע פראיעקטן צו פאראייניגן און סערווירן אנשי שלומינו
P: 718.451.8674 EXT. 80 | F: 845.610.8674
11 Van Buren Dr. #205 Monroe N.Y. 10950